מיר האָבן געוואָרט און געקוקט אין דער ריכטונג פון די דערנענטערנדיקע דייטשע זעלנער. אין אונדזער גרופע איז געווען טויט־שטיל. נאָר די הערצער האָבן הויך געקלאַפּט. איין זאַך האָט געקאָנט ענטפערן די טויטע שטילקייט און פאַרוואַנדלען דאָס אין אַ הויכן רעש און אין אַ פּרעציזער אָנשטרענגונג: דער סימן און באַפעל פון אונדזער שעף.

ווען די דייטשן האָבן זיך שוין גענוג דערנענטערט צו אונדז, האָט אונדזער שעף מיט זיין האַנט און מויל געגעבן דעם באַפעל צו שיסן. האָבן דאַן פון אונדזערע האַרמאַטן אָנגעהויבן צו פליען די קוילן אין זייערע הערצער. דער ליאַרם פון אונדזערע מאַשינען האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם געשריי פון די דערשראָקענע, פאַרגאַפטע און פאַרוווּנדעטע דייטשע זעלנער. זיי האָבן שוין נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די אויפפירונג און טאַקטיק פון אונדזער שעף איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ הונדערטפּראָצענטיקן דערפאָלג.

די גאַנצע דייטשע איינהייט איז געוואָרן פאַרניכטעט. דעם שעפס באַפעל איינצוהאַלטן דאָס אָנהויבן שיסן ביז די גאַנצע דייטשע איינהייט וועט זיך געפינען אין שטח פון אונדזער אַקטיוויטעט, איז געווען אַ געניאַלער געדאַנק.

נאָך דעם פאַל האָבן מיר מיט פרייד פון דעם נצחון מאַרשירט ווייטער. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דערבייאיקער שטאָט און דער באַפעל איז געווען זיך דאָרט אַפּצורוען און איבערנעכטיקן. די זעלנער האָבן אָנגעהויבן צוצוגרייטן אָוונט־עסן. די מאַשינען זענען געוואָרן גערייניקט און געפּוצט. פלייש איז געווען גענוג, מער ווי מיר האָבן געדאַרפט און געקאָנט טרוימען צו קענען עסן. איין אַדיוטאַנט האָט אָבער געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז מסוגל צוצוגרייטן דאָס בעסטע פלייש פאַר די אָפיצירן. פון דער ווייטנס האָט ער באַמערקט שטאָלן אויף וועמענס דעכער זענען אַרומגעפלויגן טויבן. אין פּאָדאָליע, און וואַרשיינלעך אויך אין אַנדערע טיילן פון פוילן איז דאָס טויבן־פלייש געווען אַ יחוס־פלייש, ס'איז געווען טייערער פון אַנדערע פליישן און נישט יעדער איינער האָט זיך געקאָנט אויף דעם דערלויבן. דער אַדיוטאַנט האָט געשטאַמט פון פּאָדאָליע. ער האָט זיך שנעל דערנענטערט צו איין הויפן שטרוי, און האָט אַרויסגענומען זיין אויטאָמאַטישע ביקס און געשאָסן, צילנדיק צו די טויבן. נאָך איידער די ערשטע טויב איז אַראָפּגעפאַלן טויט, האָבן זיך באַוויזן דריי דייטשע אָפיצירן. זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט פון דעם שטרוי און האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט אַלס צייכן פון דעם אונטערגעבן זיך. דער אַדיוטאַנט איז געבליבן פאַרגאַפט און האָט אָנגעהויבן שרייען. אַנדערע זעלנער זיינע גלייך צוגעלאָפן און אים געהאָלפן נעמען די דריי אָפיצירן אַלס געפאַנגענע. ס'איז נישט געווען קיין ספק אַז די דריי אָפיצירן האָבן זיך באַהאַלטן, כדי פריי־וויליק זיך אונטערצוגעבן און דערפאַר זיך אָפּגעזונדערט פון זייער אַרמיי.

זייערע פנימער זענען געווען באַוואַקסן מיט האָר און האָבן פאַרראַטן זייער טיפן הונגער און דורשט. איידער מען האָט זיי געגעבן עפּעס צו עסן, האָבן זיי דערציילט זייער גאַנצע געשיכטע. מען האָט זיי אַוועקגעפירט צום שטאַב פון דער זעקסטער דיוויזיע פאַר ווייטערדיקער אויספאָרשונג. אין אונדזער פאָלק האָט מען זיך געוויצלט, אַז דעם אַדיוטאַנטס יאַגד איז געווען נאָך אַלעמען, אַ געלונגענער. דעם אַדיוטאַנטס אידייע, אַז מיר זאָלן האָבן פלייש פון טויבן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. מיר האָבן דעם טאָג געגעסן טויבן־פלייש וויפיל נאָר עמעצער האָט געוואָלט און געקאָנט.

אין דער זעלבער געגנט, נאָענטער צו בערלין, ווו מיר זענען געבליבן אויף צוויי טעג, האָט פּאַסירט אַ מאָדנער פאַל. ער איז געווען ספּעציעל אינטערעסאַנט פאַר מיר, פון ייִדישן שטאַנדפּונקט.

נאָכן איבערקוקן דעם מצב פון די האַרמאַטן, בין איך געווען אויפן וועג צום שטאַב כדי צו ראַפּאָרטירן, וואָס איך האָב געזען. פאַרן אַריינגיין צום שעף האָב איך געזען שטיין אַ פרוי און זי קוקט אין די פּנימער פון די אַריינגייענדיקע און אַרויסגייענדיקע אָפיצירן. דער אופן פון איר קוקן איז מיר שטאַרק פאַרדעכטיק געוואָרן. בין איך צוגעגאַנגען צו איר און זי געפרעגט, פאַרוואָס זי שטייט און קוקט זיך איין אין די פּנימער פון אָפיצירן. זי האָט מיר געענטפערט, אַז זי וויל רעדן מיט אַ ייִדישן אָפיציר. איך האָב איר געענטפערט אַז איך בין אַ ייִד. זאָל זי מיר דערציילן וואָס זי האָט צו זאָגן. די האָט מיר דערציילט די פאָלגנדיקע געשיכטע: זי איז אַ ייִדישע פרוי און האָט אַ זון. זיי האָבן זיך געראַטעוועט אַ דאַנק אַ גייסטלעכן. ווען מען האָט געזוכט די, וועלכע דינען נישט אין די פרייוויליקע איינהייטן האָט מען דעם זון געעצהס

מגר בן־ציון פעלדשוה

# היטלער פאַרסמט זיך אין זיין בונקער

(זכרונות)

דער ציל פון דער אָפענסיווע פון אונדזערע אָפּטיילונגען איז געווען: קאָלבערג (קאָלאָבזשעג). דער אַטאַק איז פאָרגעקומען אויף אַ ברייטן שטח. מיר האָבן געפילט, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער קאַמף. די דאָזיקע שטאָט איז זייער אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער מלחמה פאַר דעם גאַנצן אַליאירטן בלאָק קעגן די נאַציס. דאָס עלימינירן פון דער שטאָט איז דעריבער געווען אַ מוז. דאָס איז געווען אַ פונקט אויף דעם וועג צו היטלערס בונקער, צו בערלין. אונדזער פוילישער אַרטילעריע־פּאָלק האָט אַ סך איבערגעלעבט, פיל זעלנער האָבן פאַרלוירן דאָס לעבן. דער כוח פון די נאַציס איז אין אַלגעמיין געווען שוואַכער ווי ער איז געווען ערגעץ אַנדערש אין די פריערדיקע טעג. אויף דעם אָרט האָבן זיי קאָנצענטרירט גרויסע כוחות, כדי נישט צו דערלאָזן דעם מאַרש אויף בערלין.

די שיסעריי פון די דייטשן איז געקומען נישט נאָר פון דער אַרמיי, נאָר אויך פון זייערע שיפן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן ים.

כאָטש נאָך אַ פּאָר טעג איז קאָלבערג אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט, האָבן נאָך די נאַציס אַלץ געשאָסן פון די שיפן און פון צייט צו צייט זענען זייערע עראָפּלאַנען געפלויגן איבער אונדז און אַראָפּגעוואָרפן אויפרייס־מאַטעריאַל. איין נאָך־מיטאָג, ווען מיר זענען געווען זיכער, אַז די שטאָט איז שוין פולשטענדיק באַהערשט פון אונדז, און זעלנער ווי אויך אָפיצירן פון אונדזערע אַרמייען האָבן זיך געדרייט אַרום די צעשטערטע הייזער, פאַרניכטעטע דייטשע איינהייטן, האָבן פּלוצלינג אַ טייל פון אונדזער אָנגעהויבן פאַלן פאַרוווּנדעטע און אויך דערשאָסענע. אויף די גאַסן האָבן זיך געפונען עטלעכע אונדזערע העכערע אָפיצירן. דער שעף פון אונדזער שטאַב האָט זיך גלייך געכאַפּט וואָס עס קומט דאָ פאָר. דאָס האָבן געשאָסן סנייפּערס, באַהאַלטענע אין קעלערס אונטער גרויסע הייזער אויף דער הויפּט־גאַס. אַ דאַנק דאָס אָריענטירן זיך פון אונדזער שעף, איז אַרויס אַ מינדלעכער באַפעל מען זאָל וואַרפן גראַנאַטן דורך די שוין צעבראָכענע פענצטער. איניקע פון אונדז האָבן געוואָרפן די גראַנאַטן גענוי ווו די סנייפּערס האָבן זיך געפונען און זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן צו שיסן. די סנייפּערס זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. דורך איין צעבראָכענעם פענצטער האָב איך געזען אַזוי ווי עפּעס וואָלט זיך געדרייט, עס האָט מיר אַ שווינדל געטאָן פאַר מיינע אויגן. איך האָב אַהין אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט. ווען נאָך אַ זייער קורצער צייט איז איבעראַל שטיל געוואָרן און מיר זענען געגאַנגען באַקוקן די קעלערס, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז מיר האָט זיך טאַקע נישט אויסגעדאַכט, נאָר אַ פּאָר סנייפּערס האָבן זיך צוגעגרייט צו שיסן צו אונדז. דער שעף פון שטאַב האָט מיר געלויבט און אויף אַ קול, אַז איך האָב געראַטעוועט זיין לעבן און דאָס לעבן פון אַ סך אַנדערע. נאָך אַ זייער קורצער צייט איז איבעראַל שטיל געוואָרן אויף דער גאַס. באַלד נאָך דעם האָט מען געזען ווי די נאַצישע שיפן האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן און זענען צום סוף גענצלעך פאַרשוווּנדן.

אונדזער פּאָלק איז באַשערט געווען איבערצולעבן נאָך אַן אַנדער טראַגעדיע. אונדזער אַרטילערישער פּאָלק איז באַשטאַנען פון דריי דיוויזיעס און זיין הויפּט־באַטעריע, ד"ה אַ שטאַב־באַטעריע. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ הויז פון דעם שעף פון דעם שטאַב.

מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל צו מאַרשירן אויף באַזונדערע וועגן צו אַ געוויסן פּונקט. דאָרט זיך אָפּהאַלטן און וואַרטן אויף אַ ווייטערדיקן באַפעל. מיר וועלן דאָן באַקומען אינסטרוקציעס וווּהין מאַרשירן אָדער וואָס מיר זאָלן טאָן. נאָך אַ געוויסער צייט זענען מיר געקומען צו דעם דאָזיקן פּונקט און אָנגעהויבן וואַרטן אויף אונדזער גענעראַל און די שטאַב־אָפיצירן זיי זאָלן אונדז געבן דעם ווייטערדיקן באַפעל. מיר האָבן געוואַרט. ס'איז געווען נאָך־מיטאָג. דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט און דער שטאַב איז נישט געקומען. די פאַראַנטוואָרטלעכע אָפיצירן זענען זיך צונויפגעקומען און באַשלאָסן צו נעמען אין אַכט די געשאַפענע אויסערגעוויינלעכע לאַגע און האָבן איבערגענומען די ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר פּאָלק. מיר האָבן געגלויבט, אַז ערגעץ נאָענט צו אונדז געפינען זיך אַנדערע פוילישע און זיכער אויך רוסישע איינהייטן. נאָר ווו זיי געפינען זיך, האָבן מיר נישט געוווּסט. האָבן מיר באַשלאָסן אויסצושטעלן אונדזערע האַרמאַטן אין אַ צירקל מיט די לופעס צום אויסן און שטיין גרייט, ביז מיר וועלן וויסן וואָס מיר האָבן צו טאָן. די נאַכט איז צוגעפאַלן. ס'איז געווען פינצטער. ס'איז אויך געווען שטיל אַרום און אַרום. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט לייכטע כמאַרעס. מיר האָבן געקוקט אַרום און אַרום. פון איין הויז וואָס איז געשטאַנען נישט זייער ווייט האָבן מיר דערזען אַ ליכט וואָס האָט באַלויכטן דעם אינעווייניק פון דעם בנין. אַ טייל פון אונדז האָבן זיך לאַנגזאַם און זייער פאָרזיכטיק דערנענטערט צום הויז. אין הויז האָט זיך געפונען אַ דייטש, וועלכער האָט גערעדט פויליש. מיר האָבן אים געהייסן אויסלעשן דאָס ליכט. נאָכן ענטפערן אונדזערע פראַגן, זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז אין זיין קעלער, גאַנץ אונטן, באַהאַלטן זיך אַלטע דייטשן, וועלכע זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן אַריינצוטרעטן אין די פרייוויליקע דייטשע איינהייטן, כדי צו קעמפן פאַר היטלערן. זיי האָבן דאָס אויסגעמיטן. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז ווען מען כאַפּט זיי, וועלכע מיידן אויס דאָס דינען אין דער אַרמיי, הענגט מען זיי אויף. דער פויליש־רעדנדיקער דייטש האָט אונדז געוויזן עטלעכע דייטשן הענגען אויף ביימער פון דער אַנדערער זייט פון זיין הויז. דערציילט האָט ער אויך, אַז אין וואַלד, וועלכן מיר האָבן געזען פון דער ווייטנס געפינט זיך אַן ס"ס־אָפּטיילונג. מיר זענען שנעל צוריקגעגאַנגען צו אונדזער איינהייט און האָבן קאָנצענטרירט אונדזער אַרטילעריע אין דער ריכטונג פון וואַלד: געוואַרט און גרייט געווען צו שיסן. מיר האָבן געוואַרט און אָבסערווירט דעם וואַלד. די צייט האָט זיך זייער לאַנגזאַם גערוקט פאָרויס. מיר האָבן אַזוי איבערגעלעבט די נאַכט אָן שום שטערונגען. אינדערפרי האָט אונדזער פּאַטראָל ראַפּאָרטירט, אַז די זענען רוסישע איינהייטן. מיר האָבן באַשלאָסן פאָרזיכטיק זיך צו קאָנטאַקטירן מיט זיי כדי זיי צו ראַפּאָרטירן אונדזער לאַגע, זיי זאָלן אונדז ראָטן וואָס מיר זאָלן טאָן. זיי האָבן זיך תיכף ומיד פאַרבונדן מיט זייער גענעראַל־שטאַב און אַרום מיטאָג־צייט האָבן מיר באַקומען אַ נייעם גענעראַל אָנצופירן מיט אונדזער פּאָלק. געהייסן האָט ער שייפּאַק. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער

ירושלים דליטע; דאָרט װוּ עס האָט זיך געפֿורעמט אונדזער לעבן און באַװוּסטזײַן; װײניק װעגען מיר פֿאַרבליבן נאָך אונדזער גרױסן פֿאָלקס־חורבן; די יונגע טרױמער, װעלכע זענען געקומען פֿון שטעט און שטעטלעך צו לערנען, װי אַזױ צו װערן לערער.

צװישן זײ אױך מײַן עלטערער ברודער יוסף קאַץ ע״ה, װעלכן גאָלאָמב האָט בײַ יעדער געלעגנהײט אין זײַנע ביכער באַצײכנט אים װי דער עילוי פֿון סעמינאַר.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם לערער־סעמינאַר אין װילנע אונטער גאָלאָמבס השגחה און אַ דאַנק זײַן אינספּיראַציע, זענען צעשפּרײט געװאָרן איבער די ייִדישע ישובים אין פּױלן — יונגע לערערס מיט אידעאַליסטישן גלױבן, אחריות, דיסציפּלין און מסירת נפש און זײ האָבן דערהױבן די ייִדישע שולן צו גאָר אַ הױכער מדרגה. זײ זענען געװען בכוח אַלײן צו שאַפֿן און בױען ייִדיש װעלטלעכע שולן, און מיט זײ אָנפֿירן.

װען גאָלאָמבס תלמידים זענען אַװעק צו דער אַרבעט אַלס לערער אין די שולן, זענען זײ נאָך כסדר געװען פֿאַרבונדן מיט זײער לערער דורך גײַסטיקע פֿעדעם. ער פֿלעגט זיך אינטערעסירן מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט פֿון די סעמינאַריסטן — נײַע לערער.

א. גאָלאָמב האָט אין זײַנער צײַט צוגעגרײט צענדליקער ביכער פֿאַר קינדער און יוגנט־ליטעראַטור, לערנביכער מיט ייִדישע טערמינאָלאָגיעס פֿאַר די לימודים, װאָס מען האָט נאָך קײן מאָל נישט געפֿירט אין דער ייִדישער שפּראַך — װי: באָטאַניק, געאָגראַפֿיע, זאָאָלאָגיע און אַנד.

גאָלאָמב האָט אַרײַנגעפֿירט אַ סך שינויים אין דער שול־אַרבעט: װיסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציעס; נישט זוכן אין ביכער, נאָר דירעקט אין דער נאַטור. דער לערער דאַרף נישט זײַן דער מקור, דער אַלץ־װיסער — פֿלעגט ער זאָגן — ער דאַרף זײַן דער אָנפֿירער פֿון די זוכענישן.

אַ בײַשפּיל פֿון דעם איז געװען אין סעמינאַר די זומער־קאָלאָניע „פּושקאַרניע״ װוּ מיר פֿלעגן אַרױספֿאָרן זומער־צײַט און שטודירן אַלץ פֿון דער נאַטור — און אָנפֿירן מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט פֿלעגט אונדזער לערער א. גאָלאָמב.

א. גאָלאָמב האָט איבערגעלאָזט זײַן אײַנפֿלוס, װוּ ער האָט נאָר געלעבט אַלס לערער און דערציִער, און געלעבט האָט ער אין אַ סך גרעסערע ייִדישע ישובים אױף דער װעלט; ער איז אָנערקענט געװאָרן, װי אײנער פֿון אונדזערע חשובסטע, הערלעכסטע און מוטיקע דענקער, װאָס העלפֿן באַפֿעסטיקן דעם המשך פֿון ייִדישן קיום.

אברהם גאָלאָמב האָט נאָכן חורבן אָנגעהױבן זוכן זײַנע אַמאָליקע תלמידים.

מײַן גורל האָט געװאָלט, אַז איך זאָל נאָך דער גרױסער װעלט־קאַטאַסטראָפֿע בלײַבן לעבן און פֿאַרװאָרפֿן װערן אין אױסטראַליע. גאָלאָמב האָט מיך געפֿונען און מיר פֿאַרגעלײגט איך זאָל קומען אין זײַן לעצטן װױנאָרט — לאָס־אַנדזשעלעס — צו אַרבעטן בײַ ייִדישער דערציִונג.

אין זײַנע בריװ פֿלעגט ער שטענדיק באַרירן זײַנע אָנגעװײטיקטע פּראָבלעמען — װעגן קיום און המשך און װעגן ייִדיש־גײַסטיקע פֿאַרװילדעניש.

מיט דער צײַט האָב איך אָנגעהױבן אַרײַנדרינגען אין זײַנע ביכער, װעלכע ער פֿלעגט מיר כסדר צושיקן.

אין אַלע זײַנע ביכער גײט דורך װי אַ רױטער פֿאָדעם זײַן זאָרג איבער די אַסימילאַציע טענדענצן אין די תפֿוצות און גרױס מורא פֿאַרן װײַטערדיקן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אין זײַנע ביכער און אָפּהאַנדלונגען האַלט ער, אַז די מערהײט פֿון אונדזער פֿאָלק האָט געצױגן דווקא צו דעם װאָס עס איז אונדז פֿרעמד. ער זאָגט: „אָנהױבן דינען פֿרעמדע געטער װעלן מיר פֿאַרלירן אונדזער אײגענעם ייִדישן פּנים״.

איבערצײַגנדיק זענען זײַנע אַרױסזאָגונגען װעגן אָפּהיטן דאָס לשון פֿון פֿאָלק און קעגן אױסטױשן אײגענע נאַציאָנאַלע װערטן אױף אַנדערע, פֿרעמדע.

ער זאָגט דאָס אַלץ אַרױס מיט גרױס װײטאָג, אָבער מיט געװאָגטקײט, ער איז אַלע מאָל דער מאָנער און שטראָפֿער; געשריבן זײַנע ביכער האָט גאָלאָמב אין די לעצטע יאָרן זײַנע; די גײַסטיקע שעפֿערישע געדאַנקען, װעלכע מיר טרעפֿן אָן אין זײַנע װערק האָט געדאַרפֿט לערנען און באַװירקן אונדזער ייִדיש פֿאָלק און ספּעציעל אונדזער יוגנט.

מיט זײַן אַװעקגײן האָבן מיר פֿאַרלױרן אַ מענטש, װאָס האָט געלעבט מיט טיפֿן גלױבן, מיט קעמפֿערישן און שעפֿערישן מוט צו פֿאַרשפּרײטן ייִדישקײט און ייִדישע דערציִונג װוּ ער האָט זיך נאָר געפֿונען.

מיט דער פּטירה פֿון אברהם גאָלאָמב איז די ייִדישע װעלט אָרעמער געװאָרן.

דער אָנדענק פֿון דער זעלטענער געשטאַלט, גרױסן הומאַניסט װעט בלײַבן לזכרון נאָך אַ סך דורות.


# CARLISLE LODGE

**32 CARLISLE STREET,**
**BALACLAVA**

**534-0316**

★

די אײגנטימער

ת. קאַגאַן און פֿרוי און נאַריטש

װינטשן אַלע זײערע קונים

א גוט גליקלעך יאָר

געניע וואַסערמאַן־קאַץ

# לזכרון מיין לערער – אברהם גאָלאָמב

אַרויסצוברענגען אַ פּאָר געדאַנקען, אויסדרוקן פון מיינע געפילן וועגן אַ מענטשן וואָס איז אַוועק אין דער אייביקייט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק — איז קיין מאָל נישט צו שפּעט, בפרט פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען אברהם גאָלאָמב.

עס איז מיר באמאת שווער צו גלויבן, אַז מיין געוועזענער לערער און דערציער איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

מיר — זיינע שילער האָבן אַרויפגעקוקט צו גאָלאָמבן מיטן טיפסטן רעספּעקט און גלייכצייטיק ליבשאַפט און איבערגעגעבענער טריישאַפט.

דערמאָנט מען גאָלאָמבן, לעבט אויף אין מיין זכרון,

---

„צוליב דעם טאַקע — שרייבט זי אין בריוו — בין איך געווען קעגן דיין פאַרבינדונג מיט באַקונינען".

אין דער ברייטער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז אגב דייער באַלערנד, ברענגט דער מחבר אַ סך אַרגומענטן, מיט וועלכע די וואַגנער־אַנהענגער פּרוּוון באַרעכטיקן דאָס אָננעמען די מוזיק פון וואַגנערן. איינע פון די אַרגומענטן זענען, אַז אין די אָפּערעס באַגעגנט מען נישט קיין ייִדן.

דערויף ענטפערט דער מחבר:

„כאָטש עס איז אמת אַז נישט קיין ייִדן, און נישט קיין דערקלערונגען וועגן דער ייִדנפראַגע זענען אין וואַגנערס אָפּערעס נישטאָ. (אַזוי דערשיינט בלויז איין ייִד, און דאָס אויך — פאַרבייגייענדיק אין אַלע דאָסטאָיעווסקיס נאָוועלן, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען באַהערשט פון אַ ייִדנמאַניע) — דאָך קומט אויס, אַז די פאָרשטעלונג וועגן וואַנדערנדיקן ייִדן (אַהאַסווער) פאַרכאַפּט וואַגנערס געדאַנקען מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער וואַנדערט פון די עסייען אין זיינע אָפּערעס און צוריק.

★

נאָכן איבערלייענען די גרינטלעכע עסיי, ווו די וואַגנער געשטאַלט דער מוזיקער און ייִדנהאַסער באַקומט זיין פולן אויסדרוק, ווי בכלל זיין פּערזענלעכן כאַראַקטער פון אַן אונטערלעקער אין אַ סקרופּולאָזן אויסנוצער, דאַרף מען נאָכאַמאָל איבערחזרן די פראַגע: דאַרף קונסט און זיין שאַפער זיין איינס — קען מען אָפּטיילן דעם מענטש פון זיין ווערק, פון זיינע געדאַנקען?

דאַרפן ייִדן זיך אַזוי רייסן צו שפּילן וואַגנערס מוזיק — דעם וועג־וויַיזער פאַר נאַצישע ראַסן טעאָריעס, און דורך דעם אַרויסהייבן זיין אָנדענק?

מען מוז מודה זיין — אַ מאָדנע פאָלק — ייִדן.

ווי ער פלעגט שטיין אין קלאַס־צימער; הויך און שלאַנק, אַרומנעמענדיק אונדז מיט זיין ליכטיקן בליק און וואַרעמען וואָרט.

גאָלאָמב האָט אַ סך איבערגעלעבט ביז ער האָט אויסגעפאָרעמט זיין פּעדאַגאָגישן וועג מיט נייע מעטאָדן אין דער אַלטער טראַדיציאָנעלער וועלט, ווייל אַליין איז ער געווען אַ ישיבה־בחור.

אַ סך עפּיזאָדן לעבן נאָך אין מיין זכרון און אין האַרצן, ווען מען דערמאָנט דעם טיף־פילנדיקן און געטריַיען לערער און פּעדאַגאָג, און איבער אַלעמען — דעם הייסן ייִד.

דער לערער גאָלאָמב האָט געשטילט דעם דורשט פון זיינע יונגע צוהערער וועגן קולטור, קונסט, טראַדיציע און הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן.

פון זיינע די אַלע קעגנשטאַנדן, וועלכע ער האָט געגעבן אין סעמינאַר, האָט אין זיין געמיט געגליט די ליבשאַפט צו נאַטורוויסנשאַפט.

מיט צערטלעכקייט, באַגייסטערונג און געניטקייט פלעגט ער אויף די לעקציעס פון נאַטורוויסנשאַפט דערציילן וועגן יעדעס בלימעלע און יעדן געוויקס. יעדעס געוויקס פלעגט ביי אים ווערן לעבעדיק, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

ווילנע האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן מיט אירע מוסטערדיקע ייִדישע פאָלקס־שולן, גימנאַזיעס. איינע פון די שטאַרקסטע לערער־אינסטיטוציעס איז געווען דער ייִדישער לערער־סעמינאַר; באַגאַבטע און ענטוזיאַסטישע לערער, פּעדאַגאָגן, וויסנשאַפטסלייט האָט געהאַט דער לערער־סעמינאַר — ווי: מאַקס וויינרייך, מאַקס עריק, אַרקאַדי קרעמער, משה קולבאַק, ישראל ביבער. דאָס זענען געווען גוטע לערער, אינטערעסאַנטע לעקטאָרן (בלויז צו דערמאָנען עטלעכע):

אברהם גאָלאָמב איז געווען, נישט נאָר דער לערער און דירעקטאָר, נאָר דער אינספּיראַטאָר, דער באַגייסטערער, דאָס האַרץ, די נשמה פון סעמינאַר.

דאָס לערנען אין סעמינאַר איז באַשטאַנען נישט נאָר הערן לעקציעס און זיי אויסלערנען, נאָר זוכן און שטודירן. די לעקציעס פון לערער זענען געווען אַ צוגאָב־מיטל זיך קאָנצענטרירן אויפן געלערנטן.

א. גאָלאָמב פלעגט זיך באַמיען איינפלאַנצן אין זיינע יונגע צוהערער די פאַרבינדונג פון אַלט־נייע קולטורן מיט דער שיינקייט פון ייִדישע אוצרות און דערוועקן אין ייִדישן יוגנטלעכן דעם באַוווסטזיין פון זיין א שטאָלצער ייִד.

דער ווילנער ייִדישער לערער־סעמינאַר איז דאָך געווען די שול פון אונדזער וועלטלעכער ייִדישקייט, פון ייִדישער גייסטיקייט און איבער דעם אַלעם איז געווען די פאָטערלעכע אויפזיכט פון אונדזער גרויסן לערער און דערציער אברהם גאָלאָמב.

ביזן היינטיקן טאָג טראָגן די איבערגעבליבענע סעמינאַריסטן (לײדער — אויף די פינגער צו ציילן) ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען אַ הייליקן ציטער פון ווילנע

שלום ג.

# וואַגנעריאַדע

דאָס קלאַסישע לאַנד פון פרשות — איז ישראל. פּאָליטישע; געזעלשאַפטלעכע; עקאָנאָמישע; מיליטערישע — גייען נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג.

היות ישראלים זענען אויך אַ קולטורעל פאָלק — האָבן זיי אויך א קולטור־פרשה, וואָס האָט צו טאָן מיט מוזיק.

אין דעם ישראלדיקן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער איז ממש אַריין אַ וואַגנער־דיבוק: אויב זיי שפּילן נישט די ווערק פון ריכאַרד וואַגנער, האָבן זיי נישט דערגרייכט די מדרגה פון פּערפעקציע, וועלכע אַן אָרקעסטער פון אַזאַ פאַרנעם דאַרף זיך אָנשטרענגען צו דערגרייכן.

אַ גרויסער טייל פון מוזיק־ליבהאָבער און אונטערשטיצער פון אָרקעסטער זעען אָבער נישט דעם מוזיקער וואַגנער, דעם קאָמפּאָזיטאָר פון אַ גאַנצער ריי באַרימטע אָפּערעס און מוזיקאַלישע דראַמעס — זיי זעען וואַגנערן ווי דעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיט, וואָס האָט נישט בלויז סתם פיינט געהאַט ידן, נאָר איז געווען פון די ערשטע צו אַנטוויקלען די ראַסיסטישע טעאָריע, געבויט אויף ירושה־אייגנשאַפטן, קולטור, דערציאונג און מענטאַליטעט.

ער האָט אַפילו אָפּגעוואָרפן דאָס, וואָס האָט אין משך פון יאָרהונדערטער געדינט ווי אַ מיטל צום ציל: אַריינגעמען ידן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט מיט באַדינג פון שמד. שמד מיינט פאַר וואַגנערן גאָרנישט. פאַר אַ ייד איז בכלל נישטאָ קיין שום אויסלייזונג פון זיין ידישקייט, קיין טיר, דורך וועלכער ער זאָל קאָנען אַריינקומען אין דער דייטשער געזעלשאַפט. דעריבער זעט ער די איינציקע האָפענונג פון א ידנריינער געזעלשאַפט דורך באַזייטיקן די יידן פון דייטשלאַנד בכלל.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די נאַצישע טעאָרעטיקער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין וואַגנערס טעאָריעס, פאַרוואָס ער איז געוואָרן אין נאַצי־דייטשלאַנד דער סימבאָל פון עכטן גערמאַניזם. די האָבן אין וואַגנערס עסייען געפונען אַ פאַרטיקן סצענאַר פאַר זייערע האַנדלונגען, פאַר נעמען פאַרווירקלעכן די אידייען אין לעבן.

צי קאָן מען אָפּטיילן דעם קינסטלער פון דעם מענטש?

די מוזיקער פון פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער האַלטן אַז — יאָ, מען קאָן. דאָס פּילבאַרע, באַוווסטזיניקע פּובליקום האַלט, אַז מען קאָן נישט. און זיי האָבן עס אומצווייידייטיק געלאָזט וויסן דער אָנפירערשאַפט פון אָרקעסטער, אַז די וואַגנער קאָנצערטן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַצן־יאָמער.

וואַגנער (1813־1883) איז לעולם געווען אַ רעוואָלוציאָנער, און האָט אפילו אָנטייל גענומען אין די גאַסןקאַמפן פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, אין די יאָרן 1848־1849.

עס איז מאָדנע, אָבער אַזוי האָט פאַסירט, אַז די בעסטע פאַרזאָרגער פון אָרעמען עמיגראַנט אין פאַריז (1842־1839) זענען געווען יידן. ער האָט זיך אָן שום חרפה אָנגעוואָרפן אויף דעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר פון יענער צייט מייערבער, און אַזוי אויך האָט דער באַרימטער פּאָעט היינריך היינע באַזאָרגט וואַגנערן מיט טעמעס פאַר זיינע אָפּערעס: „דער פליענדיקער האָלענדער" און „טאַנענהאוזער", שפּעטער — אין דרעזדן, האָט וואַגנער דערפאָלגרייך אָנגעווענדעט די זעלבע טאַקטיק פון חנפענען, אונטערקומען און געניסן פון דער פריינדשאַפט פון דעם באַרימטן און איינפלוסרייכסטן קאָמפּאָזיטאָר פון יענער צייט, אין איראָפּע — מענדעלסאָן.

אָבער מיט אַ מאָל, האָט ער אין די יאָרן 1848־1850, אין אַ צעיושעטן צושטאַנד אָנגעשיבן אַן אַרטיקל: „יודאַיזם און מוזיק", וועלכן ער האָט אַנאָנים פאַרעפנטלעכט אין אַ מוזיקאַלישן זשורנאַל.

צום מערסטן זענען אָנגעגריפן געוואָרן אין אַרטיקל די, וועלכע האָבן אים באַפריינדעט און געהאָלפן: מענדעלסאָן, וואָס האָט שוין דאַן נישט געלעבט און היינריך היינע, וואָס איז שוין געווען קראַנק, פאַרקריפּלט, און ס'האָט נישט געדראָט קיין געפאַר ער זאָל נקמה נעמען. ער האָט פונדעסטוועגן מורא געהאַט אָנצורופן ביים נאָמען מייערבערן, הגם אומדירעקט האָט מען פאַרשטאַנען וועמען ער מיינט.

די הויפּט אידיי פון דעם אַרטיקל: „יודאַיזם און מוזיק" איז געווען אָפּצוואַרפן דעם געדאַנק פון דער פעאיקייט פון קינסטלערישער שעפערישקייט פון יעדן ייד — צי ער רופט אים אָן ביים נאָמען, אָדער נישט.

וואַגנער איז געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּט מיט די אידייען פון זיין אַרטיקל, אַז אין יאָר 1869 האָט ער אים איבערגעדרוקט אונטער זיין נאָמען, כאָטש אָנערקענטע אַנטיסעמיטן ווי צוסימאַ (זיין צווייטע פרוי) און פאָן בולאָוו האָבן אים אָפּגערעדט דערפון.

אַ לעקטאָר פון איראָפּעאישער געשיכטע פון קווינסלאַנדער אוניווערסיטעט פאול לאָורענס ראוז באַהאַנדלט ברייט דעם פּראָבלעם וואַגנער אין אַן אַרטיקל מיטן פּילזאגנדיקן נאָמען: — „האַס — אויסער יעדער אַנטשולדיקונג („מאונטלי רעוויו" פון סעפּטעמבער 1982).

לויטן מחבר קומט אויס, אַז וואַגנערס אַנטיסעמיטיזם איז א רעזולטאַט פון זיינע רעוואָלוציאָנערע איינשטעלונגען, און זיין דערנעענטערן זיך אידייאיש, אין יאָר 1849 צום רוסישן רעוואָלוציאָנער מיכאַיל באַקונין, וואָס איז געווען אויך נישט קיין קליינער ידנהאַסער.

„וואַגנער איז געוואָרן א ידנהאַסער — ווען ער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער" — שרייבט ראוז.

דאָס האָט אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען זיין ערשטע פרוי מינאַ, ווען זי שרייבט צו אים אין א בריוו (1850), אַז זייער פאַמיליע־לעבן צעפאַלט זיך צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און זיין ידנהאַס.

סטעפאַ ראַבינאָוויטש

# קומט, און זינגט מיט אונדז צוזאַמען

די יום־טובדיקע טעג
הייבן זיך אָן צו באַווייזן...

דער מעלבורנער „הזמיר“ כאָר גרייט זיך צו צוויי וויכטיקע אימפּרעזעס. די ערשטע איז דער 35־יעריקער יובל־קאָנצערט, וועלכער וועט פאָרקומען אין די לעצטע טעג פון נאָוועמבער הײ־יאָר. די צווייטע — אַ וויכטערע: דאָס איז דער אָנטייל אין דער 13־טער זמריה אין ישראל.

דער „הזמיר“־כאָר האָט אין משך פון זיין 35־יאָריקער עקזיסטענץ געגעבן אַ גאַר וויכטיקן ביישטייער צום יידישן קולטורעלן לעבן אין מעלבורן. פיל פעאיקע דיריגענטן און מוזיקער האָבן במשך פון די יאָרן אָנטוויקלט און געהויבן דעם ניווא פון כאָר.

אַ חוץ די יערלעכע קאָנצערטן, נעמט דער כאָר אָנטייל אַלע יאָר אין די וואַרשעווער געטאָ אַקאַדעמיעס, ער האָט זיך אויך פיל מאָל באַטייליקט אין די יומים־העצמאות פייערונגען, פעסטיוואַלן פון אַלע פעלקער, קאָנצערטן אין „מומבאַ“ צייט, פאַר דעם רויטן־קרייץ, 3עאַ, ראָטערי און לייאָנס קלובן.

אַ ספּעציעל וויכטיקן באַדייט האָבן אונדזערע קאָנצערטן אין די מאַנטעפיאָרע היימען פאַר אַלטע לייט ווו דאָס פּובליקום ווייזט אַרויס אַ ספּאָנטאַנעם אָפּרוף פון אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט. די גרעסטע טייל מאָנטעפיאָרע איינוווינער האָבן אַ פּיעטעט פאַר דעם יידישן פאָלקס־ליד. זיי זינגען מיט, קלאַפּן צו צום טאַקט מיט די הענט און פיס און פשוט ווערן מיטגעריסן. קורץ געזאָגט, עס איז יום־טוב ביי יידן, פאַר די צוהערער און זינגער.

ענלעך, נאָר אויף אַ גרעסערן און מער פייערלעכן מאַסשטאַב איז געווען דער אָפּרוף פון די צוהערער ווען דער „הזמיר“ כאָר האָט געזונגען אין גרויסע און קלענערע שטעט, ספּעציעל אין די קבוצים בעת דער 11־טער זמריה אין 1979.

צווישן די 21 אויסלענדישע כאָרן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער זמריה זענען געווען נאָר דריי יידישע. מיר זענען געווען די איינציקע וואָס האָבן געזונגען יידישע לידער. דאָס האָט אונדז נאָך מער פאַרבונדן מיט דעם ישראלדיקן עולם וואָס האָט אַזוי פרײדיק אויפגענומען אונדזערע היימישע פאָלקס־לידער.

שיין און פאַרשידנאַרטיק זענען געווען די אַרויסטריטן פון אַלע כאָרן, איינער אָבער שטייט מיר בולט אין זכרון, דאָס איז געווען דער כאָר פון סאַלעוו — אַ קליין שטעטל אין פראַנקרייך — וואָס איז באַשטאַנען פון 70 פּערזאָן. עס איז געווען אַ נחת צו זען ווי אויף דער בינע שטייען דריי דורות — טאַטעס, מאַמעס, באָבעס, זיידעס און אייניקלעך — און זינגען אַלע צוזאַמען. הלוואי אונדז געזאָגט! אומפאַרגעסלעך זענען די געהויבענע איבערלעבונגען ווען דער געניטער דיריגענט ווילי גאַל האָט ווי מיט אַ כשוף פאַראייניקט 21 כאָרן — 800 כאָריסטן — אין איין האַרמאָנישן געזאַנג. מיר קענען אויך נישט פאַרגעסן די פייערלעכע דערעפענונג און אָפּשלוס קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין ישראל.

צווי וואָכן האָט געדויערט דער איינדרוקספולער יום־טוב פון געזאַנג. אַ חוץ אַלע פּרעכטיקע איינדרוקן וועלכע זענען ביי אונדז געבליבן אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן האָבן מיר פיל געלערנט. דער „הזמיר“ כאָר האָט זיך דעמאָלט צוגעאייניקט אַ הערלעך בלעטל פאַר זיין געשיכטע.

די זמריה איז בשום אופן נישט קיין פאַרמעסט, נאָר אַ פעסטיוואַל פון כאָראַלן געזאַנג. אין אַריינפיר־וואָרט צו אַ זמריה געזאַנג־בוך ברענגט אַרויס די פאָלגנדע געדאַנקען: „קיין שום מוזיק איז נישט אַזוי ליב און מענטשלעך ווי דאָס געזאַנג פון אַ פאָלק; נישטאָ נאָך אַזאַ פאַראייניקונגס־קראַפט צווישן מענטשן ווי דאָס האַרמאָנישע זינגען פון פאַרשידענע כאָרן; עס איז נישטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגן ווי צוהערן זיך צו גוט געשולטע שטימען. דער ציל פון דער זמירה איז נישט נאָר צו זינגען צוזאַמען, נאָר אויך לערנען ווי אַזוי צוזאַמענלעבן. מיר האָבן אַלע געזען ווי געזאַנג פאַרוואַנדלט נעכטיקע שונאים אין היינטיקע פריינד. געזאַנג שאַפט אָפּ גרענעצן, פלעגט חברשאַפט, שטאַרקט דעם גלויבן אין אַ בעסערע צוקונפט און דער עיקר דעם גלויבן אין מענטש. און ווען איר זינגט אייערע לידער, צווישן איין זמריה און דער צווייטער, יעדער איינער פון אייך אין אייערע היימען אין אייער לאַנד, זייט וויסן, אַז מיר דאָ וועלן ווייטער זינגען מיט אייך צוזאַמען“.

שוין אַוועק פיר יאָר ווי דער „הזמיר“ כאָר האָט זיך געגרייט צו דער 11־טער זמריה. איצט גרייטן מיר זיך מיט דערוואַרטונג צו דער 13־טער, וועלכע קומט פאָר אין יולי 1983, מיט דעם גלויבן אַז מיר וועלן ווידער זיין ווירדיקע פאָרשטייער פאַר דעם יידישן ישוב פון מעלבורן.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן אַ דאַנק דער „קדימה“, דער טורעק־שול און אַלע פריינד וועלכע העלפן אונדז אין אונדזערע אונטערנעמונגען.

---

זינגער וועלכע ווילן זיך אָנשליסן אין „הזמיר“ כאָר פאַרשטענדיקט זיך טעלעפאָניש 523־9481.

מיט באַבקעס...) כדי צו באַווייזן זייער ווילגעלערנטקייט, הגם טיילמאָל האָבן די ציטאַטן און נעמען נישט קיין שייכות צו דער באַהאַנדלטער טעמע — נוצט קערש זיין ווילגעלערנטקייט ווי אַ לערער, און באַנוצט די אַלע נעמען און ציטאַטן וועלכע ער ברענגט מיט אַ ברייטער האַנט, כדי צו דערמעגלעכן דעם לייענער, וואָס איז ניט גאָר באַהאַוונט אין דער קולטור־פּאָליטישער אַנטוויק־לונג פון דייטשן ידנטום — צו פאַרשטיין און קאָנען באַנעמען דאָס, וואָס קערש וויל זיי אויפקלערן און באַ־מיט זיך טאַקע — מען זאָל עס פאַרשטיין, און ניט גלויבן אים אויפן וואָרט. דאָס זענען עסייען ניט פאַר יחידים־אינטעלעקטואַלן, נאָר פאַר אַ קולטורעלן לייענער און צו־הערער, וואָס קאָן — אַ דאַנק קערשן פאַרשטיין, ווי אַזוי די געשעענישן אין דייטשלאַנד (און אין מערב אייראָפּע) האָבן זיך אַנטוויקלט.

★

די לעצטע עסיי איז אַן אַפּאָלאָגעטיק פאַרן דיכטער און קעמפער: „היינריק היינע".

היינע — דער משומד — דערשיינט פאַר אונדז ווי אַ וואַרעמער, סענסיטיווער ייד, וועלכער סאָלידאַריזירט זיך מיט יידישע ליידן; וועלכע שרייבט וועגן יידן ווי מיר. דאָס רוב איז היינע באַקאַנט פון זיין פּאָעזיע, אָבער קערש'ס אַנאַליז פון זיין פּראָזע ברענגט פאַר אונדז אַרויס דעם קלוגן, ראַפינירטן פּאָלעמיקער און וווּנדער־באַרן שרייבער.

„יאָרן, איבערלעבונגען, אַנטוישונגען און דערפאַרונ־גען האָבן דעם גרויסן חוזקער און אַפּלאַכער געפירט צו זוכן אינערלעכע רו און גלויבן. ער האָלט ניט פון קיין צערעמאָניעס און גאָטעסדינסטן, נאָר זוכט אין הארץ פון מענטשן דעם טיפן גלויבן, דעם פלאַם פון אמת. ער האָט עס געפונען: אין די הייליקע ווערטער פון תנ"ך".

★

דאָס גייסטרייכע און באַלערנט בוך פאַרלאַנגט אָבער — טאַקע צוליבן כבוד און אָנדענק פון יהודה קערשן — צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען:

מען פילט, אַז די עסייען זענען לכתחילה געגרייט געוואָרן ווי רעפעראַטן און במילא זענען דאָ איבערחז־רונגען וועלכע י. קערש איז צוליב זיין געזונט־צושטאַנד ניט בכוח געווען שוין צו באַאַרבעטן און פאַראיינהייטלעכן.

עס איז אויך צום באַדויערן די צאָל דרוק־פעלערן, וועלכע שטערן די עסטעטיק פון בוך. דער זאַצבוי אין פאַרשידענע עסייען ווייזן אַז, אַז קערש האָט שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט מיט דעם זיך צו פאַרנעמען.

די עסייען באַווייזן, ווי אָרעמער די יידישע עסייאיסטיק (וואָס איז שוין אַן אָרעמער פאַר זיך זייער פלאַך) איז געוואָרן נאָכן פאַרלוסט פון זעלבסטשטענדיקן דענקער יהודה קערש.

פון זיין פעדער וועלן מיר שוין מער ניט קענען גע־ניסן די טיפזיניקע, גרינטלעך אַנאַליזירטע עסייען. אַ שאָד.

י. מ. לעווין

# צום וואָגלער

צעפלאָנטערט טראָגן דיך דיינע פיס
ווי געבונדן זיי וואָלטן זיין מיט אַ קייט;
שפּאַנסט דורך לאַנגער טונקלער נאַכט ביז בלויען שחרית
זוכנדיק אַן אָנשפּאַר אין בייט פון צייט.

אין די רגעס רו, מיד פון וואָגלען
רוט אויף דער קייט'ס טרויעריקער קלאַנג;
פון הוילע ריינגען ווערן שלווה לאָגלען
פול מיט שבתדיק בענקנדיק געזאַנג.

די וועלט האָט דיך צום וואָגלוועג פאַרקנסט,
און אַ געשמידטער מוזסטו כסדר גיין און גיין
אָן צו אָנען דעם זין דערפון, דעם פאַרוואָס —
איז תוך פון דיין וואָגלען אַלצאיינס מיט דיין זיין?

דו ביסט אַלט. דיין פּנים פול מיט קנייטשן
אָנגעזאַפּט איז מיט חכמהדיקע יאָרן;
יעדער קנייטש — אַ ירושה פון שניידיקע בייטשן —
זאָג, וויפיל קנייטשן וועסטו נאָך אַפּשפּאָרן?

דו ביסט געווען דער אַקערער און זייער
פון תורה קערנער אויף פאַר די וועלכע וויכן איר,
די, וואָס קענען נישט דיין תמצית פאַרדייען,
דיינע הייליקייטן שענדן, דיין שענסטן ציר.

די קייט דיינע טריט פענטעט און פּלאָנטערט,
און שווער איז דיר צו טראָגן דעם אָקסן־יאָך;
זוכסט אין בלאָנדזשעניש דעם ענטפער —
ווערט אַ מאָל זיך ענדיקן די נאַכט?

אויף וועלכע וועגן זוכסטו דעם ענטפער,
אין וועלכן לאַנד האָפסטו צו געפינען אים?
דיין יעדער טראָט האָפט — משיח איז שוין אַ טראָט נענטער?
זע, וויפיל פאַלשע טריט, וויפיל פאַלשע משיחים.

וווּהין טרייבסטו עס דיך אין וואָגל־וואַנדער,
איז דיין גורל בלייבן אייביק נע־ונד?
פאַרוואָס ראַנגלען זיך אין פרעמדע לענדער,
ווען די היים אין בענקשאַפט וואַרט.

אַ יחיד במינו מיט אַן אייגענעם זעלבשטענדיקן קוק אויף די ענינים, מיט אַ באַזונדערן וועלט־באַנעם. ער איז געווען אַ נאָוואַטאָר און אַ רעוואָלוציאָנער אין דער ליטעראַטור. מיט זיין שרייבמאַניר האָט ער געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער ליטעראַטור־געשיכטע און געוואָרן אַ וועגווייזער פאַר אַלע מאָדערנע און מאָדערניסטישע שולן אין דער ליטעראַטור, און קונסט. דער סור־רעאַליזם, דאָס טעאַטער פון אַבסורד, די אַבסטראַקטע ליטעראַטור — אַלע האָבן זיי צו פאַרדאַנקען קאַפקאַן. (זייט 58).

י. קערש קומט צום אויספיר:

„קאַפקאַ געהערט צו אַלעמען, הגב ער אַליין האָט צו קיינעם ניט געהערט. ניט צו זיין יידישן אָפשטאַם, ניט צו זיין טשעכישן געבוירן־לאַנד, ניט צום דייטשן קולטור־קרייז.

ער האָט זיך געפונען אַליין אין צענטער פון גרויסע צוציאונגס־כוחות און אַ לעבן לאַנג האָט ער זיך ניט געניייגט אין אַ געוויסער ריכטונג. דאָס איז געווען זיין כוח. דערפאַר איז ער געווען אַן אוניקום, אַן איינציקע דערשיינונג וואָס חזרט זיך נישט איבער".

פאַר די, וועלכע האָבן שוין געלייענט, אָדער קלייבן זיך לייענען די ווערק פון פראַנץ קאַפקאַן, איז די עסיי פון י. קערש אַ שליסל, וועלכער עפנט אויף אַ טיר צו די פאַרבאָרגענישן פון זיינע ווערק.

★

די צווייטע עסיי: „די אילוזיע פון וועלטבירגערשאַפט", באַהאַנדלט אַן אַנגעוויטאַגטע טעמע: שרייבער פון יידישער אָפשטאַמונג, וועלכע זענען באַרימט געוואָרן אין אַנדערע ליטעראַטורן. ווי אַן אויסגאַנגס־פונקט, צעגלידערט י. קערש די ווערק פון ליאָן פויכטוואַנגער, וועלכן ער באַטראַכט אַלס כאַראַקטעריסטישן פאָרשטייער פון דער שיטה, פון די, וועלכע האָבן געהאָפט צו געפינען זייער אָרט אין דער געזעלשאַפט, ווי קאָסמאָפאָליטן אָדער וועלט־בירגער. זיי האָבן זיך אָפגעריסן פון יידישן ברעג — אָבער צום צווייטן ברעג ניט דערשווומען. אויפן פאָן פון דער טעזע פירט קערש אַרויס אַ פלעיאַדע יידיש־דייטשע שרייבער, וועמענס יידישקייט עס האָט זיי קאָנפראָנטירט אין די טעג פון נאַציזם.

דער העלד פון פויכטוואַנגערס וואָגיק ווערק — יאָסעפוס פלאַוויוס — דינט ווי אַ שפיגל פאַר פויכטוואַנגערס געדאַנקען און גלייכצייטיק פאַר קערשס געשיכטלעכע פאַראַלעלן.

מיר פילן אַרויס די גרינטלעכע באַהאַוונטקייט אין די פראָבלעמען (און ווערק) פון דער יידיש־דייטשער שריפטשטעלערישער עמיגראַציע, זייערע ראַנגלענישן מיט זיך און מיט זייער גורל; זייער דיסקוסיע וועגן דער באַציאונג צום דייטשן פאָלק, נאָכן קריג. (פויכטוואַנגער און טאָמאַס מאַן).

אויפן שטח פון 59 זייטן שפרייט זיך פאַנאַנדער די טראַגעדיע פון שרייבער, וועלכע האָבן אין זייערע ווערק געזוכט צו פאַרענטפערן, אָדער געפינען אַ לייזונג פאַר די לידן פון דער מענטשהייט. (דאָס פאַרנעמט אַ צייט־אָפשניט פון הונדערט יאָר — צווישן היינע און פויכטוואַנגער).

פויכטוואַנגערס היסטאָרישע ראָמאַנען זענען געווען, לויט קערשן — פאָליטישע ראָמאַנען, מיט אַן אַלוזיע צו דער צייט פון עמאַנציפירטן דייטשן יידנטום און זייער טראַגישע אַנטוישונג.

קערשס אויספיר: „ליאָן פויכטוואַנגער האָט ביי אַלע זיינע אָפנויגן — אַמאָל צום קאָמוניזם, אַמאָל צום נאַציאָנאַלן, יידישן און דייטשן — קיין מאָל ניט פאַראַטן זיין הומאַניסטישע שליחות פון אַ שרייבער־קעמפער פאַר אידעאַלן פון יושר".

★

„די מענטשן אויפן ראַנד" (דריטע עסיי, 47 זייטן) הויבט זיך אָן ווי אַ פאָלעמיק — יידיש־העברעיש און די ראָל פון דער ירושלימער קאָנפערענץ (קערש זעט איר ווי אַ קאָנפערענץ, וואָס האָט ניט דערפילט איר אויפגאַבע) און די עסיי גייט אין מיטן אַריבער אויף אַן אָפשאַצונג וועגן די אַמעריקאַנער־יידישע שרייבער.

אין דער ערשטער העלפט האָבן מיר פאַר זיך אַ גלענצנדע אָפשאַצונג וועגן יידישע שפראַכן און זייער אַנטוויקלונג.

„זעכצן לשונות האָבן יידן גערעדט ביזן היינטיקן מאָדערנעם עברית, וואָס קלינגט אָפט ווייטער פון אַמאָליקן תנ"ך־העברעיש, פון לשון קודש ווי יידיש".

מיר ווערן פאַרכאַפט פון י. קערש'ס לאָגיק און ראַציאָנעלן אַנאַליז אין דעם פסיכאָלאָגישן הינטערגרונט און סיבות פון די שאַפונגען פון סאָול בעלאָו, מאַלאַמוד און אַנדערע.

„בעלאָו האָט דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע פון אַ סעקטאַנטישן טראָצקיסט ביז סקעפטיציזם, וואָס דערגייט צו זעלבסט־פאַרלייקענונג, אים ראַטעוועט — ווי תמיד — זיין יידישע דערציאונג, וואָס האָט דעם דערפינדער פון „אַנטי־העלד" אין דער ליטעראַטור, דעם מאָדערנסטן אויסדרוק פון דער היינטיקער צייט געגעבן אַ שטיצפונקט אין זיין גייסטיקער קאָנפוזיע, אַ טאָרמאָז נישט אַראָפצופאַלן אין תהום פון ניהיליזם".

מיר פילן די ערנסטע צוגרייטונג אין שטודיום פון י. קערשן, אידער ער האָט גענומען די פעדער אין האַנט און געבראַכט זיינע געדאַנקען צום צוהערער (און לייענער).

★

כמעט אַ גאַנצקייט שאַפן די צוויי עסייען: „דאָס קרומע בילד פון ייד אין די שילדערונגען פון יאַקאָב וואַסערמאַן" און „די זעלבסטהאַסער".

קערש האָט די ווערק פון וואַסערמאַנען דורכגעשטודירט אין אָריגינאַל, אַזוי אויך די ווערק פון די אַלע יידן — וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי מוראדיקע יידן־האַסער. איניקע פון זיי האָט דער יידנהאַסט געשריבן צו זעלבסטמאָרד, אין אַ גאָר יונגן עלטער.

צום אונטערשיד פון אַנדערע עסייאיסטן, וועלכע וואַרפן מיט נעמען און ציטאַטן (ווי זאָגן יידן: ווי אַ ציג

מ. אייזענבוד

# דער אינטעלעקטועלער עסייאיסט – יהודה קערש

„צי איז פראַנץ קאַפקאַ אַ ייִדישער שרייבער״ — עסייען. תל־אביב 1981, 295 ז״ז.

אַ רעפעראַט, אַ לעקציע — ווי אינטערעסאַנט און באַלערנט עס זאָל ניט זיין, בלייבט פון דעם איבער דער אַלגעמיינער איינדרוק. מיר באַקומען אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן לעקטאָר און שרייבער. ס׳איז אָבער שווער אויסצוקריסטאַליזירן אין אַ קאָנקרעטער פאָרם, אין וואָס זיין אינטעלעקט דריקט זיך אויס; וועלכע געביטן ער באַהערשט און וועלכע נייע האָריזאָנטן ער אַנטפּלעקט.

עס איז דעריבער באַדויערליך, וואָס דער אינטעלעקטואַל מיט אַ סיסטעמאַטיש ייִדישן און אַלגעמיינעם וויסן אויפן געביט פון געשיכטע און ליטעראַטור — יהודה קערש, האָט אַזוי שפּעט אין לעבן צענויפגענומען זיינע לעקציעס און אַרטיקלען אין בוך פאָרם.

עס פּאַסירט, אַז אַ לעקטאָר וואָס מאַכט אַן איינדרוק בשעתן רייִדן נעמט צענויף זיינע רעפעראַטן אין אַ בוך, און ווען מיר לייענען אים — בלייבן מיר אַנטוישט. מיר נעמען ערשט באַגרייפן, אַז פאַרכאַפּט האָט אונדז די דיקציע, די פאָרם; אַז די לעקציעס פאַרמאָגן נישט קיין אינהאַלט, לכל הפחות עפּעס, מיר זאָלן קענען לערנען דערפון.

פון י. קערשס ביכער האָבן מיר ערשט אויסגעפונען, אַז די ווערטן פון די באַרירטע פּראָבלעמען אויף די לעקציעס — זענען פון דויערנדיקן באַדייט; אַז י. קערש איז געווען פון די ווייניק אינטעלעקטואַלן וועלכע מיר פאַרמאָגן היינט; אַז זיין עסיי איז ניט נאָר באַגרינדעט אויף מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט שטודירט אין אָריגינאַל, נאָר אַז די אינטעלעקטועלע אינטערפּרעטאַציע פאַרמאָגט וויזיע און איז טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזער קולטור.

צוויי ביכער עסייען זענען דערשינען ביי זיין לעבן: „וועלט און ייִד״ און „דער וועג פון אַ פאָלק״. דאָס דריטע בוך, הגם צוגעגרייט דורך אים, איז דערשינען אַדאַנק דער אָנשטרענגונג פון זיין טאָכטער קלאַראַ.

די ליטעראַטור וועגן קאַפקאַן איז צאָלרייכער, ווי קאַפקאַס ווערק גופא. טייל פון די ביכער האָבן אַ באַדייטנדן קולטורעל־ליטעראַרישן ווערט אַן און פאַר זיך. צוליב קאַפקאַס ייִדישן אָפּשטאַם, האָבן ערנסטע ייִדישע עסייאיסטן געפּרוּווט צו געפינען אַ וועג אין דעם נעפּל פון קאַפקאַס געדאַנקען.

אין אַן עסיי פון 61 זייטן פּרוּווט אויך קערש צו געבן זיין אינטערפּרעטאַציע וועגן קאַפקאַס אידייען און קאָנפראָנטירן זיי מיט אַרויסזאָגונגען פון אַנדערע שרייבער.

כדי אַרויסברענגען דאָס אָריגינעלע אין דער עסיי, וואָלט נייטיק געווען ניט נאָר שטודירן קאַפקאַס ווערק גופא, נאָר אויך די צאָלרייכע ליטעראַטור וועגן קאַפקאַן. דאָס נעמען מיר זיך נישט אונטער צו טאָן. די עסיי (אַן און פאַר זיך) פירט אונדז ניט נאָר אַריין אין קאַפקאַס וועלט און געדאַנקענגאַנג, נאָר באַרייכערט אונדזער וויסן, דורך זוכן די אָנריר־פּונקטן מיט אַנדערע שרייבער און זייערע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור. דער עיקר מיטן ספר „איוב״ און מיטן שרייבער דאָסטאָיעווסקי.

„דער גרויסער אונטערשייד צווישן דאָסטאָיעווסקין און קאַפקאַן איז אין דעם, וואָס דער רוסישער שרייבער באַהאַנדלט דעם פאַרברעכער ווי אַ מענטש און ער האָט פאַר אים איינזען, מיטגעפיל און רחמנות. בעת קאַפקאַ זעט דעם מענטש ניט ווי אַ פאַרברעכער, נאָר ווי אַ קרבן פון אַ פאַרברעכערישער וועלט, פאַר וועלכער ער האָט נישט קיין ברעקל איינזען און אוודאי ניט קיין מיטגעפיל (זייט 40).

י. קערש שטעלט אונטער אַ פראַגע צייכן מאַקס בראָד׳ס באַצייכענונג, אַז קאַפקאַ איז איוב.

„אַגרויסן קאַפקאַן איוב צוליב זיין שווער אומגליקלעך לעבן איז אַ שיינע פראַזע, אָבער האָט ניט קיין שייכות צום עצם פּראָבלעם וואָס ווערט באַהאַנדלט אין „איוב״: שכר ועונש־פראַגע און צי די האַרמאָניע פון וועלט־סדר איז פּערפעקט״.

„פאַר קאַפקאַן איז די וועלט אַ קאַטאַסטראָפאַלער כאַאָס, און ער דערוואַרט פון איר גאָרנישט. ער זוכט ניט קיין יושר, בעת איוב צווייפלט נאָר אין גאָטס גערעכטיקייט און ער פאָדערט און האָט טענות צו גאָט. דער גאָט פון די ייִדן איז טאַקע אומזעבאַר, אָן אַ געשטאַלט, אָבער ער איז ניט קיין מיסטעריעזער ריכטער״. (זייט 59).

דעם ברייטן און אויסשעפּלעכן אַנאַליז וואָס י. קערש פירט אַדורך איבער קאַפקאַס ווערק, באַווייזט פאַר אונדז די טיפע קענטעניש פון קערשן סיי אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון קאַפקאַס שעפערישן וועג, סיי דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן הינטערגרונט פון דער וועלט אין יענע טעג. עס איז גענוג אָנצווייזן אויף די אָבסערוואַציעס וועלכע י. קערש מאַכט וועגן קאַפקאַן:

„פראַנץ קאַפקאַ איז געווען אַן אָריגינעלער דענקער,

---

המקדש. ס׳איז די צייט ווען ירושלים איז געוואָרן וויסט. אַ פּאַסיקע צייט צו דערמאָנען דעם חורבן ירושלים דליטא. מיט דער פּטירה פון איר געטרייען זון גראַדע לעשן זיך די לעצטע האָלעוועשקעס פון דער ייִדישער ליטע. די תקופה פון ווילנע איז נישטאָ מער. אין דעם קבר וואָס מען האָט אים געגעבן אין ניו־יאָרק האָט חיים גראַדע מיטגענומען מיט זיך די נישט דערזונגענע לידער. גייציק האָט ער די מיטגענומען. בלויז פאַר זיך. ס׳איז קיינער נישט נאָכגעגאַנגען נאָך זיין לוויה אָפּצורייסן פון אים אַ חלק פון זיין געשאַפענער ווילנא של מעלה.

וועגן אַ פאַרשניטן לעבן, נאָר אַ לעבן וואָס גייט נאָך אָן. אָן אונטערשייד, צי דאָס איז דאָס אַמתדיק מאָנומענטאַלע ווערק ווי „צמח אַטלאַס" צי דאָס זענען „דער מאַמעס שבתים" צי איז דאָס די אָרעמע „עגונה". אַלע העלדן דאַרפן נישט, ער זאָל זיי מחיה מתים זיין — זיי לעבן אין זיין וואָרט ווייל ער, חיים גראַדע, האָט זיי געטראָגן לעבעדיקע אין זיין צעוויטיקטער, יידיש ווילנער נשמה. און ווייל זיי זענען אַלע נאָך לעבעדיקע האָט גראַדע אין קיינעם פון זיי נישט געפרוווט אויסבאַהאַלטן זייערע שוואַכקייטן און מאַנכעס מאָל אַפילו זייער קליין האַרציקייט. דיינע געשטאַלטן זענען שטענדיק עכטע, אָפענע, קינסטלעריש סקולפטורט אין וואָרט. בלויז איינס האָט גראַדע זיך יאָ דערלויבט, ווי דער שעפער פון זיינע דערציילונגען — דאָס ליב האָבן די געשטאַלטן, ווייל זיי זענען געווען אַלע פון זיין בלוט און פלייש. אָט דעם דאָזיקן קען־צייכן האָט חיים גראַדע נישט פאַרפעלט צו געבן אַפילו די כאַראַקטערן וואָס זענען געווען נעגאַטיוו.

אין די יאָרן 1946־1948 ווען חיים גראַדע האָט געלעבט אין פאַריז, פלעגט ער אָפט באַזוכן זשענעווע. אַמאָל אַלס גאַסט פון ד"ר א. סינגאַלאָווסקי, דער דעמאָלטדיקער וועלט־דירעקטאָר פון „אָרט". אַמאָל פון פראָפ. ליבמאַן הערש, אָדער גאָר אַלס גאַסט פון קאָמיטעט פאַר אינטעלעקטועלע פליטים, וואָס האָט אים אין דער ערשטער ריי פאַרשאַפט זיין אַריינפאָר וויזע קיין פראַנקרייך. ער פלעגט בעת אַזעלכע באַזוכן מיר זיין דייער נאָענט. ווי אַן עלטערער ברודער. א לערער און אַן איבערגעגעבענער חבר.

בעת זיין ערשטן אָנקום פון פוילן קיין זשענעווע, איז ער צוויי טעג געווען אָן זיין פרוי. ער האָט איבערגענעכטיקט אין איינעם פון די צוויי צימערלעך וווּ איך בין געווען איינגעדונגען. בעת דיינע שפּעטערדיקע נסיעות, פלעגט ער נישט איינמאָל קומען צו מיין דירה אויף רי פעסטאַלאַצי 27. מאַנכעסמאָל נאָך האַלבער נאַכט. זומערצייט פלעגט ער אָנקלאַפּן אין פענצטער און ווינטער, ווען דאָס גערטנדל פאַרן פענצטער איז געווען טיף פאַרשנייט פלעגט ער וואַרפן שניי־קוילן אין די שויבן ביז דאָס ליכט האָט זיך אָנגעצונדן.

אין אַזעלכע נעכט פלעגט ער זיין אומרואיק. צעברויזט, גלייך ווי ער וואָלט אין זיך געטראָגן דעם דיבוק, וועלכן ער דערמאָנט אַזוי שטאַרק אין זיין אַרבעט וועגן די געסלעך פון ווילנער געטאָ. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט די העזה אים נישט אויפצונעמען און מאַכן אַ קאַווע, אָדער נישט גיין מיט אים אויף אַ שפּאַציר ביז צו דער גענפער אָזיערע. אַ היפשער גאַנג פון מיין דירה.

די שפּאַצירן זענען געווען אַביסל משונהדיק. ליידיקע גאַסן אין אַ האַלב פרעמדער שטאָט, בלויז צוויי גייערס. זעלטן מיט שפּאַצירנדיקע טריט. אַמאָל האָט ער גערעדט און אַמאָל פלעגן מיר גיין שווייגנדיקע. צוויי אָדער דריי מאָל האָט ער פאַר מיר געלייענט דיינס א ליד „מיט דיין גוף אויף מיינע הענט", געווידמעט זיין ערשטע פרוי פרומע ליבטשע. און אַנדערש מאָל האָט ער פאַרלאַנגט פון מיר כ'זאָל רעדן און אַז כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו רעדן האָט ער מיר פאַרגעלייגט צו זאָגן קאַפּיטלעך תהילים אויף אויסנווייניק.

אין יענער צייט האָט ער נישט געקענט ביי זיך אָפּמאַכן דעם געדאַנק צי ער זאָל זיך יאָ אָדער נישט באַקענען מיט מיין איבערלעבן די מלחמה יאָרן. איך געדענק אַ זומער נאַכט ווען מיר האָבן שפּאַצירט אויף קעי ווילסאָן (ביים ראַנד פון דער אָזיערע) ס'איז געווען אָנהויב אויגוסט, ביי איינע פון די בריקן וואָס פירן איבער דעם טייך רהאָן האָבן עטלעכע מענער געמאַכט צוגרייטונגען פאַר דעם בלומען יום טוב, וואָס זשענעווע האַלט אָפּ יעדעס יאָר. ס'האָט נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן טאָגן און גראַדע האָט זיך פאַרטראַכט פאַר אַ רגע: „ס'איז פאַראַן — האָט ער געזאָגט — אַ כינעזישע קללה וואָס זאָגט, זאָלסט לעבן אין אינטערעסאַנטע צייטן. פאַר אונדז זענען די צייטן שוין צו ווייטאַקלעך אינטערעסאַנט, פאַר די גליקלעכע שווייצער זענען זיי טאַקע נישט אינטערעסאַנט פאַר זיי איז אינטערעסאַנט צו אַרבעטן ביינאַכט ביים צוגרייטן אַ בריק מיט בלומען פאַר יום טוב. כ'בין זיי מקנא".

אין דער יידישער ליטעראַטור זענען היינט פאַראַן זייער שוואַכע אויסזיכטן ס'זאָל אין דער נאָענטער צוקונפט אויפוואַקסן דיינס אַ נאָכפאָלגער. ער האָט געקענט די צעריסנקייט פון צוויי וועלטן: פון איין זייט די וועלט פון דיסציפּלין פון מוסרניק וואָס איז כולו גייסט און גלויביק. פון דער אַנדערער זייט האָט ער געקענט די ערדישע וועלט. די וועלט פון טאָטאַליטאַרן דיסציפּלין וואָס האָט אים אַזוי ביטער אָפּגענאַרט. די וועלט איבער וועלכע ער האָט געשאַפן זיין טרויעריקע פּאָעמע „איך וויין אויף אייך מיט אַלע אותיות פון אלף בית". ער איז געווען צעריסן צווישן צוויי וועלטן, לעבנדיק אין דער אָפענער (נישט צו פאַרטוישן מיט פרייער) וועלט פון פאַריז און דערנאָך ניו־יאָרק. אָט די צעשפּליטערטקייט צוזאַמען מיט זיין אייגן לעבן האָבן אין אים געשפּייזט זיין אומרו. פון דאָזיקן אומרו האָט ער געקענט אַנטלויפן נאָר צייטנווייז, כדי זיך אויסצוווינען פאַר זיך אַליין און פאַרן יידיש וואָרט — אויפן קבר פון זיין היימשטאָט ווילנע. ער האָט דאָס געטאָן אין פּאָעזיע און פּראָזע.

איידער מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט אין מאַי 1948 האָט ער מיר מיטגעגעבן אַן אָנזאָג: כדי צו זיין א פּאָעט ביי יידן, דאַרף מען פאַר אַלעם האָבן דרך ארץ פאַרן געדרוקטן וואָרט. אויב אָבער דו ווילסט זיין א גוטער פּאָעט געדענק; זאָלסט צען מאָל אַזוי שטאַרק דרך ארץ האָבן פאַרן וואָרט וואָס דו ווילסט ס'זאָל געדרוקט ווערן.

איך האָב נישט שטענדיק באַוויזן אָפּצוהיטן דעם אָנזאָג. אָבער כ'האָב זיך באַמיט.

דער טאָג גייט אָפּ. ס'איז די צייט ווען ס'איז פאַרברענט געוואָרן דער ערשטער און דער צווייטער בית

א. ציקערט

# חיים גראַדע נ"ע

די שורות ווערן געשריבן אין תשעה באב. אַ פאַסיקער טאָג פון חורבן און באַווײנען אין דער ידישער געשיכטע. וואָלט איך געזוכט אַ מאָטאָ פאַרן אַרטיקל וואָלט איך צוגעשריבן: „אַ קינה אויף חורבן ירושלים דליטא — און דעם זיסטן זינגער פון אירע לווים אין בית המקדש פון ידיש". דאָס קען אָבער קלינגען אַ ביסל מעלאָ־דראַמאַטיש, כאָטש עס וואָלט געווען נישט מער ווי אַן אמת — און אפילו נישט דער גאַנצער אמת; איז בעסער אָן דעם.

דער רב, רבי הערשל שאכטער פון ניו־יאָרק, דער מלאך הגואל פון בוכענוואַלד, האָט איבערגעגעבן, אַז ידיש ניו־יאָרק האָט זיך דערוווּסט וועגן דער פטירה פון חיים גראַדע, ווען ס'איז שוין געווען צו שפּעט; ד.ה. נאָך דעם ווי זיין פרוי האָט איינגעאָרדנט אַ פּריוואַטע לוויה. „ס'איז נישט צו פאַרשטיין — האָט ער געזאָגט — ווי אַזוי דאָס האָט געקענט געשען! קיינער זאָל נישט נאָכגיין נאָך גראַדעס לוויה!"

גראָד אין פאַל פון דעם גרויסן, גאָט־געבענטשטן פּאָעט און פּראָזאַיקער פון „יונג ווילנע" חיים גראַדע, איז דאָס יאָ צו פאַרשטיין. סימבאָליש, איז חיים גראַדע געווען דער הויפּט אבל וואָס איז אַ לעבן לאַנג נאָכגעגאַנגען די גרויסע, שוואַרצע עגלה פון ווילנער ידנטום. אָבער אַנדערש ווי זיינע מיטצייטלער שמערקע קאַטשערגינסקי און יבדל לחיים ארוכים אברהם סוצקעווער, איז גראַדע אָנגעקומען צו דער לוויה אין פּאָנאַר ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעם. בלויז די שטילקייט ארום האָט ער נאָך געטראָפן. אין אָט דער שטילקייט, דער גרויזאַמער שטילקייט וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק צעשריבן אין די זיבן געטאָ־געסלעך, האָט חיים גראַדע זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד פון אויסגעשאָכטענעם ווילנע און האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם ווילנער איכה. דאָס קלאָג־ליד אין הונדערטער וואַריאַנטן און סטילן. דאָס גרויסע יאָמערדיקע קלאָג־ליד וואָס ער אַליין האָט געשאַפן אין־און דורך־זיינע אַלע שפּעטערדיקע אַרבעטן.

אמת, פיזיש איז גראַדע אַוועק פון יענעם ווילנע און דערגרייכט אַזש ביז ניו־יאָרק. אָבער נשמהדיק איז ער געבליבן דאָרט ווו ער האָט געזאָגט קדיש און איכה — ביים ראַנד פון פּאָנאַר. דאָרט איז ער געווען אַ נאָכגייער נאָך דער לוויה פון ירושלים דליטא. דאָרט איז ער אויך געזעסן אַליין. און ווען זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט — איז עס געווען מיט זיינע שטאָטסלייט אין פּאָנאַר, כאָטש זיין קבר געפינט זיך אין ניו־יאָרק. ביים פּאָנאַר פון חיים גראַדעס טויט האָט קיינער נישט געקענט שטיין און נאָך זיין ארון האָט קיינער טאַקע נישט געקענט נאָכגיין. סימבאָליש? קען זיין. גיכער איז דאָס געווען מער ווי סתם אַ סימבאָל אָדער צופאַל.

די ווידער אויפגעלעבטע העברעישע שפּראַך האָט געקרוינט פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלן פּאָעט. די ידישע שפּראַך אין איר אויפבלי און פאַנאַנדערוווּקס איז געווען צו שפּרודלדיק אין טאַט און דראַנג צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע אומוויכטיקע ענינים. די ידישע ליטעראַטור האָט נישט געקרוינט נישט קיין פּראָזאַיקער און נישט קיין דיכטער. וואָלט זי עס געטאָן איז קיין ספק נישט — אַז גראַדע וואָלט גענומען די קרוין פון דער ידישער פּאָעזיע און וואָלט געקומען זייער נאָענט אויך צום טיטל פון נאַציאָנאַלן פּראָזאַיקער.

חיים גראַדע איז געווען דורך און דורך אייגנאַרטיק און איינציק אין דער ידישער ליטעראַטור. אַ סך ידישע שרייבער, דיכטער און דענקער וואָס האָבן אויסגעפילט דעם אינהאַלט פון דער מאָדערנער ידישער ליטעראַטור — האָבן „געקנייטשט" אַמאָל די באַנק און דערנאָך אוועק צום מאָדערנעם לעבן און שאַפן. פון זיי אַלע איז גראַדע אָן שום צווייפל געווען דער גרעסטער בן תורה. אַ למדן אין ש"ס און פוסקים און אַ קענער פון תנ"ך. גראַדע האָט נישט פאַרלאָזט די ישיבה באַנק ווען ער איז ארויס צום וועלטלעכן ידנטום. אומגעקערט, ער האָט גענומען די ישיבה־באַנק אונטערן אָרעם און געטראָגן דעם ישיבה־אוצר אין אַלע זיינע ווערק. דאָרט ווו אַנדערע פּראָזאַיקער האָט גענוצט זייער ביסל תורה ווי מען נוצט אַביסל בשמים און אפשר זאַלץ, בלויז אויף צו געבן דעם מאכל אַ שטיקל טעם, דאָרט האָט גראַדע גענוצט זיין גרויסן אוצר — תורה וויסן — ווי מען נוצט ווייץ און קאָרן; ער האָט דערפון אויסגעקנאָטן זיין טעגלעך ברויט און זיינע שבת יום טוב'דיקע חלות. נישט קיין געווירץ איז געווען זיין ישיבה, נאָר טאַקע ברויט.

דער האַרציקער חיים גראַדע פון ווילנער און וועלט־ווילנערישן ידנטום, איז אויך געווען אַנדערש מיט זיין האָפנונגסלאָז פּרוּוו פון וועלן אָפּשרייען די שוואַרצע גזירה פון ידישן חורבן, נאָכדעם ווי ס'איז שוין נישט געווען וואָס אָפּצושרייען. כמעט אַלע פּראָזע ווערק, וואָס זייער אָנהויב דאַטירט זיך פון 1951 אָטעמען מיט אַ לעבעדיקן אָטעם. גלייך ווי דאָ וואָלט זיך נישט גערעכנט

---

האָבן זיך רעגיסטרירט צו פאָרן קיין ישראל. און רוסלאַנד, וועלנדיק באַקומען האַנדל קאָנצעסיעס פון אַמעריקע האָט דערלויבט אַ באַדייטנדע צאָל ידן צו עמיגרירן. ווען די באַציאונגען האָבן זיך פאַרשאַרפט צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד, איז די עמיגראַציע כמעט ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן.

אויב מען וויל מאַכן אַן אויספיר, קאָן מען עס זאָגן אין קורצן. פאַרפאָלגונגען קעגן ידן קומען פאָר אין רוסלאַנד, עס עקזיסטירט אַ דיסקרימינאַציע קעגן ידן אין אַ רייע געביטן פון סאָוויעטישן לעבן. עס זענען דאָ ידן אין רוסלאַנד, גרויסע צאָלן אין געוויסע געגנטן. אָבער קיין אָרגאַניזירט ידיש לעבן איז אין רוסלאַנד נישט דאָ! און דאָס איז דאָס טראַגישע פון ידישן פּראָבלעם אין רוסלאַנד.

**אין א קלאָרער שפּראַך — א פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד!**

### דער ביראָבידזשאַנער שווינדל.

די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע מאַשין, האָט אין די יאָרן געוואָלט באַווייזן פאַר דער וועלט ווי גוט עס גייט די יידן אין רוסלאַנד, און וואָס קאָן זיין בעסער ווי געבן די יידן אַן אייגענע טעריטאָריע. דעם 28־טן מערץ 1928 איז געשאַפן געוואָרן דער אַדמיניסטראַטיווער ראַיאָן פאַר יידישער עמיגראַציע, און דעם 7־טן מאַי 1934 איז ביראָ־בידזשאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַן אויטאָנאָמע יידישע געגנט. צו מאַכן דעם ליגן נאָך גרעסער, האָט די נייע סאָוויעטישע (לייזן סטאַלינים־טישע) קאָנסטיטוציע דערקלערט, דאָס שאַפן „אַ יידיש נאַציאָנאַלע מלוכהשאַפט".

נאָך דער מלחמה האָט מען אַרויסגעשיקט עשאַלאָנען פון ווייסרוסישע און אוקראַינישע יידן קיין ביראָ־בידזשאַן און שפּעטער איינגעאָרדנט אַ פּראָצעס פון ביראָ־בידזשאַנער נאַציאָנאַליסטן. כדי ווייטער אָנהאַלטן דעם בלאָף, דערשיינט ביז היינט אַ בידנע בלעטל אין יידיש, וואָס באַווייזט ווי עס „בליט" דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד.

### די שונאים — יידישע קאָסמאָפּאָליטן

מיטן סוף פון דער מלחמה איז סטאַלין געוואָרן נאָך ערגער משוגע, ווי בעת די מאָסקווער פּראָצעסן. ער האָט געהאַט א פאַרפאָלגונגס מאַניע, אַז די יידן ווילן אים ליקווידירן. אין אַ מלחמה קעגן די נאַציס זענען יידן געווען די בעסטע קעמפער, אָבער אין אַ עווענטועלער מלחמה קעגן מערב זענען יידן נישט מער קיין זיכערע פאַרבינדעטע. סטאַלין האָט געהאַט מער צוטרוי צו די אוקראַינער, ווייסרוסן און אַזיאַטישע מינדערהייטן, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז אַ באַדייטנדער טייל פון זיי, האָט אין דער מלחמה קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס, אָבער סטאַלין האָט זיי שנעל מוחל געווען די זינד.

אין 48־טן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטן, און ווער זענען געווען קאָסמאָפּאָליטן - פאַרשטענדלעך יידן. סטאַלין האָט גענוי געוווּסט אַז יידן נעמען ערנסט זייער גלויבן אין קאָמוניזם, אַז זיי גלויבן שטאַרק אין אינטערנאַציאָנאַליזם און אַלס אַזעלכע זענען זיי געפערלעך פאַר דער אידייע פון בויען אַ גרויס רוסלאַנד. סטאַלינס דעפיניציע פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט דעם ענין געמאַכט זייער קלאָר. „אַ אינטערנאַציאָנאַליסט איז דער, וועלכער איז גרייט ביי אַלע אומשטענדן, צו נעמען אין באַטראַכט, אַן וואַקלענישן, אַן דיסקוסיע צו פאַרטיידיקן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס קלענסטע אָוועקגיין פון דעם פּרינציפּ, איז פאַרראַט פון סאָציאַליזם און א פאַרראַט צום אייגענעם פאָלק".

**איינער פון אסך ביישפּילן פון יענער תקופה פון טעראָר;**

**„גודלאַטשענקע הייסט בערדיטשעווסקי, זשדאַנאָוו הייסט ליפשיץ, סעבון הייסט קאַצענעלסאָן. („ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" מערץ, 1949, אין אַן אַרטיקל וועגן אוקראַינישע ליטעראַרישע פּראָגן).**

אין 1948 ליקווידירט מען דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און ס'ווערט דערהרגעט מיכאָעלס. די אויסגאַבן וועלכע זענען דערשינען אין יידיש בעת און נאָכן קריג, זענען תיכף אָפּגעשטעלט געוואָרן.

**אַ ווייטערדיקער טריט צו דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון יידיש לעבן.**

### מערדער אין ווייסע כאַלאַטן.

אין די קומענדע יאָרן, קומען פאַר אַנטי־יידישע פּראָצעסן אין אונגאַרן (דער ראַיק פּראָצעס), אין טשעכאָסלאָוואַקיע (דער סלאַנסקי פּראָצעס) צום ערשטן מאָל קומט פאַר דער עפנטלעכקייט אַ נייער בילבול. ציוניסטן די פאַרבינדעטע פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם, ווילן ליקווידירן דעם קאָמוניזם.

עס קומען די רעוואָלאַציעס אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, יידישע דאָקטוירים האָבן פאַרסמט זשדאַנאָוון און געגרייט זיך צו סמען סטאַלינען.

עס גרייט זיך אַ גרויסער פּראָצעס, אלא מאָסקווע 1936, מען גרייט צו דעפּאָרטאַציעס פון יידן, די לופט איז פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם. דאַן געשעט דער גרויסער נס. דעם 5־טן מערץ 1953 דערוויסט זיך די וועלט אַז דער רוצח איז טויט. די יידן אין רוסלאַנד און די וועלט אָטעמט אָפּ לייכטער. די געפאַר פון מאַסן מאָרד איז אָפּגעשטופּט געוואָרן.

### נאָך סטאַלינען.

די קאָמוניסטן אין דער וועלט האָבן פּלוצלינג באַקומען לשון. מען האָט אָנגעהויבן שטעלן פראַגן, אויך די געטרייסטע פון די געטריע, די יידישע קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו שטאַמלען, פרעגן שאלהס און דאַן איז געקומען דער 20־ער קאָנגרעס מיט כרושטשאָווס רעוועלאַציעס, און אַלץ איז פּלוצלינג געוואָרן קלאָר פאַר די קאָמוניסטן. ווען כרושטשעוו האָט דערקלערט, אַז סטאַלינס מעטאָדע אין פאַרשן איז געווען — שלאָגן און נאָכאַמאָל שלאָגן — איז די מאַסקע פון אכזר מיטאַמאָל געוואָרן אראָפּגעריסן. עס זענען נאָך אין די יאָרן 1958־62 פאַרגעקומען פּראָצעסן קעגן שפּעקולאַנטן, מיט שטאַרקע יידישע אונטערטענער. דער אַנטיסעמיטיזם לעבט אין רוסלאַנד ווייטער.

עס דערשיינען אויסגאַבן אין יידיש, דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" קאָן מען קריגן מער אין אויסלאַנד ווי אין רוסלאַנד. מען האָט אָנגעהויבן דערלויבן עמיגראַציע פון סאָוועטישע יידן, דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין איז שטאַרקער געוואָרן ביי די יידן. אויך די שרעק איז קלענער ווי אין סטאַלינס ציטן. גרויסע מאַסן יידן

## 1952 — 12-טער אויגוסט — 1982 — צום אָנדענק פון די דערמאָרדעטע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד

ДАВИД БЕРГЕЛЬСОН

Прозаик и драматург. Родился в 1884 г.

Основные произведения:

«У вокзала» — роман.
«После всего» — роман.
«Глухой» — пьеса.
«У Днепра» — роман.



ד. בערגעלסאָן



פּ. מאַרקיש

ПЕРЕЦ МАРКИШ

Поэт, драматург и прозаик. Родился в 1895 г.

Основные произведения:

«Пороги» — сб. стихов.
«Заклятые циферблаты» — сб. стихов.
«Братья» — поэма.
«Из века в век» — роман.
«Земля» — пьеса.
«Смерть кулака» — поэма.



מ. קולבאַק

МОИСЕЙ КУЛЬБАК

Поэт и прозаик. Родился в 1896 г.

Основные произведения:

Книга стихов.
«Зельменяне» — роман.
«Чайльд-Гарольд из Дисны» — поэма.

ДАВИД ГОФШТЕЙН

Поэт. Родился в 1889 г.

Основные произведения:

«У дорог» — сб. стихов.
«Красные цветы» — сб. стихов.
«На светлых руинах» — стихи.
«К новому бытию» — стихи.



ד. האָפשטיין

בילדער פון שער־בלעטער פון יידישע ביכער אין רוסישער איבערזעצונג, פאַרניכטעטע פאַר זייער דערשיינען.

ב. ווינער

# 30 יאָר שפּעטער

(צום יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון אָרגאַניזירטן יידישן לעבן אין רוסלאַנד)

12־טער אויגוסט 1952 איז דער טאָג, ווען מיר דערמאָנען אין דער יידישער וועלט די דאַטע פון דער ליקווידאַציע פון הונדערטער יידישע שרייבער, אַר־טיסטן און קולטור־טוער, דורך די קאָמוניסטישע הער־שער אין ראַטנפאַרבאַנד.

עס איז דער טאָג ווען מיר דערמאָנען די נעמען פון דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין, איציק פעפער, שלמה מיכאָעלס, איזי כאריק, משה קולבאַק, מאַקס עריק און טויזנטער יידישע קולטור־מענטשן, וועלכע האָבן געהאָלפן בויען יידיש קולטור לעבן זינט 1917.

איין זאַך מוז מען פעסטשטעלן, אַז דער מאָרד אין ראַטנפאַרבאַנד קאָן מען נישט און מען טאָר נישט שטעלן גלייך מיט דעם מאָרד פון די 6 מיליאָן. דאָרט האָבן די נאַציס אויסגעהרגעט אַ פאָלק, און אין רוסלאַנד האָט מען ליקווידירט דאָס אָרגאַניזירטע יידיש לעבן און פיזיש ליקווידירט אַלע פירער און פּאָטענציעלע אָנפירער פון אַלע פאָרמען פון א יידיש לעבן.

אייגנטלעך האָט דער קורס קעגן יידיש לעבן אין אַלע זיינע פאָרמען זיך אָנגעהויבן אין 1903, ווען לענין און די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן „בונד״.

לענין האָט באַקעמפט דעם „בונד״ נישט נאָר צוליב דער גרויסער און גוטער אָרגאַניזאַציע וואָס דער „בונד״ האָט געהאַט אין די אומלעגאַלע באַדינגונגען אין צאַ־רישן רוסלאַנד און דעם גרויסן איינפלוס אין דער אומלעגאַלער רוסישער אַרבעטער באַוועגונג. נאָר קודם־כל צוליבן פאַקט וואָס דער „בונד״ האָט אָרגאַניזירט א יידיש סאָציאַליסטישע פאַרטיי און איז געווען קעגן די אַסימי־לאַטאָרישע טענדענצן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן און באָלשעוויקעס. א יידיש סאָציאַליסטישע פאַר־טיי איז געווען אין די אויגן פון לענינען פאראט קעגנ־איבער די אינטערעסן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די מערץ רעוואָלוציע אין 1917 האָט געבראַכט פאַר די יידן אין רוסלאַנד, צום ערשטן מאָל אין דער גע־שיכטע — פולע גלייכבאַרעכטיקונג.

יידיש לעבן אונטער קאָמוניזם

די באַרימטע יעווסעקציע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין 1918, ווייל עס האָט געמוזט נעמען אַביסל צייט, צו קאָנען איר אָרגאַניזירן, די סיבה איז געווען אַ פשוטע; עס זענען געווען אַסך יידישע קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס, אָבער זייער ווייניק האָבן געקאָנט פירן יידישע אַרבעט אין יידיש.

מען האָט געפונען דעם אַלטן באָלשעוויק דימאַנשטיין, לענינס אַ חבר, און באַשטימט אים אַלס קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים אין רוסלאַנד, און איינצייטיק האָט ער געהאַט דעם אַמט פון פאַרוואַלטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביים צ. ק. פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, סעקרעטאַר פון דער יעווסעקציע און שפּעטער פאַרזיצער פון „געזערד״. מיט דער צייט זענען צוגעקומען די געוועזענע בונדיסטן ווי אסתר פרומקין און וויינשטיין, דער געוועזענער ס.ס.־אָוויעץ ליטוואַקאָוו א. א. יידישע טוער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַ פאַרצוויגטע יידישע טעטיקייט. יידישע שולן, צווייי יידישע אַקאַדעמיעס, יידי־שע פאַרלאַגן, יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, פּרע־סע, ביכער און וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן אין יידיש. עס איז געווען דער שטורעם און דראַנג פעריאָד אין רוסלאַנד.

אין 1930 איז ליקווידירט געוואָרן די יעווסעקציע. אין 1938 זענען געשלאָסן געוואָרן די צייטונגען דער „עמעס״ און „אָקטיאַבער״, פאַרמאַכט דעם „געזערד״ און „קאָמערד״, געשלאָסן די וויסנשאַפטלעכע אַקאַדע־מיעס אין קיעוו און מינסק.

---

באַקעמפט ווערן. דאָס וועלט, יידנטום מוז שאַפן אַן אַפּאַראַט צו בעקעמפן די אַנטי־יידישע העצע. אַ שטאָב פון יידישע און נישט יידישע אינטעלעקטואַלן (פונעם קאַליבער פון אַ קאַנאָר ק. אָבראַיען). באַהאַוונט אין באַ־ציאונגען מיט דער מעדיא מוז געשאַפן ווערן, די יידן פיינטלעכע עלעמענטן אין די מעדיאַס פילן זיך נישט באַקוועם און ציען זיך צוריק ווען זייערע שקרים און רכילות ווערן געשטעמפּלט. צום גליק זענען די מאַסן אין דער מערב וועלט נישט יידן־פיינטלעך. עס מוז זיין די אויפגאַבע פון דער יידישער אָפענסיווע צו שטעמפּ־לען די רעפּאָרטערן, וואָס מאַניפּולירטן די מעדיאַ מיט האַלבע אמתן, און גאַנצע שקרים, אַלס פּראָ־נאַציס, באַ־האַלטן אונטער דעם מאַנטל פון „ניו־לינקע״ אָדער באַצאָלטע און געשמירטע מיט פּעטראָ־דאָלאַרן. צום גליק האָבן מיר אַפילו אין אויסטראַליע אַ גרופּע יונגע יידישע אַקאַדעמיקער, אינטעלעקטואַלן, וואָס שטייען אויף דער געהעריקער מדרגה אונטערצונעמען דעם היי־ליקן קאַמף קעגן די יידן־פאַרלוימדער. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דעם צוועק איז נייטיק א געהעריקער בודזשעט.

מדינת ישראל מוז פּראַקטיש זיין דער וועגווייזער אין דעם קאַמף קעגן די שונאי ישראל.

פאַראַן לענדער, ווו די פאָרשטייער פון מדינת ישראל דערפילן זייער חוב אויף דעם געביט.

וואָס שייך דעם פּאָליטישן ספּעקטרום אין ישראל איז מעגלעך פאַרויסצוזען נישט נאָר שפּאַלטונגען נאָר אַן אַ איבערשיכטונג און איבערגעשטאַלטונג פון דעם גאַנצן פּאַרטייאישן צוזאַמענשטעל, און אַ ברייטערע פאַראייניקונג פון די נאַציאָנאַלע, אחריותדיקע עלע־מענטן.

צו שאַפן אַ מאָדוס וויוועגדי מיט ישראל, ווערן געשטעמפּעלט אַלס „קוויסלינגס“.

אויף דער זייט 10 ווערט געדרוקט א בריוו: „די טראַגעדיע פונעם מיטלען מזרח באַשטייט אין דעם, וואָס די יידישע מדינה איז געשאַפן געוואָרן אויפן חשבון פון די פּאַלעסטינער“. עס געפינען זיך אין דער זעלבער אויסגאַבע צוויי באַלערנדיקע בריוו. פון נאָרמאַן ראָטפילד און אורי אבנרי. — נ. ראָטהעפילד בעט זיך אין זיין בריוו צו מיס דזשין מעקלין, אַז זי זאָל ענדערן איר שטעלונג. מיס מעקלין האָט אויף דער קאָנפערענץ פון דער אויסטראַלישער לייבאָר פּאַרטיי פאָרגעשלאָגן א רעזאָלוציע אַז ישראל זאָל זיך צוריקציען צו די חלוקה גרענעצן פון 1947. די רעזאָלוציע איז דורכגעפאַלן. ראָטפילד בעט זיך רחמים ביי מיס מעקלין זי זאָל אָנערקענען די גרענעצן פון פאַר 1967, אַזוי ווי די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה וואָלט געווען פון איר אָפּהענגיק. מיס מעקלינס ענטפער אין איין זאַץ: „איך בין פולשטענדיק גליקלעך מיט מיינע אידייען, איך דאַרף נישט אייערע“...

דער בריוו פון אורי אבנרי איז צום „טשערמען יאַסער אַראַפאַט“, אורי אבנרי בעט זיך, אַז דער טשערמען יאַסער אַראַפאַט זאָל באַוויליקן אַ דיאַלאָג צווישן דער פּ.ל.אָ. און זיין שלום באַוועגונג. ער באַקלאָגט זיך אויף דער פּ.ל.אָ.־רעזאָלוציע וואָס האָט פאַרבאָטן די פּ.ל.אָ.פאַרשטייער אַ יעדן קאָנטאַקט מיט זיין שלום באַוועגונג.

עס איז ממש שווער צו פאַרדייען דעם תחנונימדיקן טענאָר פון די צוויי בריוו־שרייבער.

די צייטשריפטן, ווי דער מפּ״ם „ניו אוטלוק“ און „פּאָטה טו פּיעס“ שלעפּן צוזאַמען פון דער גאַנצער וועלט פּרעסע די שווידערלעכסטע רכילות קעגן דער יידישער מדינה, באַשיינען און לויבן די פּ.ל.אָ. און דאָס ווערט צוגעטראָגן די פּאַרלאַמענטאַריער און אינטעלעקטואַלן פון דער נישט־יידישער וועלט, אין נאָמען פון א כלומרשט ציוניסטישער באַוועגונג.

די זייטיקע אויסווירקונגען פון דער לבנון־אַקציע אין ישראל גופא וועלן וואָרשיינלעך באַאיינפלוסן דעם צוזאַמענשטעל פון דעם פּאָליטישן ספּעקטרום.

די ראָל פון „מערך“ אַלס די אלטערנאַטיווע רעגירונג אָדער אַפילו אַלס א פּאָראַייניקטע קאָנסטרוקטיווע אָפּאָזיציע, שטייט אונטער א פראַגע צייכן. די חלוקי דעות אין האַנדלונגען פון די פאַרשידענע עלעמענטן אין „מערך“ זענען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז שפּאַלטונגען זענען וואָרשיינלעך אומפאַרמיידלעך. עס עקזיסטירט נישט מער קיין פאַראייניקטער „מערך“, וואָס זאָל זיין געבונדן מיט אַ פּלאַטפאָרם.

למשל יוסי שריד (פון דער עבודה) האָט אין „ניו יאָרק טיימס“ פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין וועלכן ער פאָדערט פון אַמעריקע, אַז זי זאָל צווינגען ישראל, אַז זי זאָל אָנערקענען די פּ.ל.אָ. גלייכצייטיק עצהט ער דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע אָנצוהייבן אַ דיאַלאָג מיט אים און זיין שלום עכשו באַוועגונג. ער איז מודה, אַז ער און זיין גרופּע זענען א מינדערהייט. אָבער ער פאַרזיכערט, אַז דאָס איז געווען ער יוסי שריד און זיין שלום באַוועגונג, וואָס האָבן געצוווּנגען די בעגין־רעגירונג צו דעם שלום אָפּמאַך מיט מצרים. אים קומט קרעדיט פאַר דעם שלום אָפּמאַך... ער פאַרלאַנגט אַז די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע זאָל אָנערקענען אים יוסי שריד און די „שלום עכשו“ באַוועגונג אַלס זייערע „איזראַעלי פּאַרטנערס“...

ווי לאַנג קאָן שמעון פּערעס אָדער יצחק ראַבין זיצן ביי איין פּאַרטיי־טיש מיט יוסי שריד?!

וואָס שייך דער מפּ״ם איז פאַראַן א חלוקי דעות צו זי האָט „אָפיציעל“ פאַרשפּרייט אויפן פראָנט פלוגבלעטער, וואָס „קלערן אויף“ די חיילים, אַז די שלום הגליל אַקציע מיינט נישט שלום הגליל, אַז די דאָזיקע מיליטערישע אַקציע „איז באַזירט אויף אַ פּאָליטישאידעאָלאָגישער גרונדלאגע, וואָס איז אונדז פרעמד“...

די מפּ״ם באַהויפּטעט, אַז דער דאָקומענט איז אַן אינערלעך־פּאַרטייאישער, אָבער עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז פּאַרטיי אַקטיוויסטן האָבן פּריוואַט פאַרשפּרייט דעם דאָקומענט אויפן פראָנט...

אָט אַזאַ צושטאַנד האָט געצוווּנגען חיים הערצאָגן אַרויסטרעטן מיט זיין „איך קאָן מער נישט שווייגן“. ער שטעמפּלט די האַנדלונגען פון יוסי שריד, מאָטי גור און זייער גרופּע. ער באַרעכטיקט און פאַרטיידיקט די שלום הגליל אַקציע פון יעדן שטאַנדפּונקט. סיי פון דעם צייט עלעמענט, סיי פון יעדער שטופּע פון דער סטראַטעגישער אַנטוויקלונג איז די אַקציע געווען לעבנסוויכטיק פאַר דער מדינה.

★

אין פלוג זעט עס אויס שוואַרץ, פּעסימיסטיש. אָבער אַ קאַלטער און לאָגישער אַנאַליז פון אַלע אומשטענדן באַווייזט, אַז עס איז נישטאָ קיין סיבה פאַר פּעסימיזם.

די פּ.ל.אָ. כוחות זענען צעשמעטערט. אַ שלום אָפּמאַך מיט לבנון איז פאַרויסצוזען. עס איז אַפילו נישט אויסגעשלאָסן אַ שלום אָפּמאַך מיט ירדן.

אָדער דער קעניג פון ירדן וועט שליסן א שלום מיט ישראל און איינגיין אויף אַ קאָנסטרוקטיוון פּלאַן צו לייזן די פּאָלעסטינער פּליטים פראַגע אינערהאַלב די גרענעצן פון זיין קעניגרייך, אָדער א פּאַלעסטינער רעפּובליק אויף דער צווייטער זייט ירדן וועט לייזן — דעם פּאַלעסטינער פּליטים פּראָבלעם.

אַפילו אויף דער ישראל־סירישער גרענעץ קאָן מען פאָראויסזען אַ דע־פאַקטאָ שלום צושטאַנד, פּאָליטישע אַנאַליטיקער, ווי פּראָפעסאָר שלמה אבינרי באַהויפּטן, אַז טראָץ דער העצערישער רעטאָריק איז סיריע פאַרזיכטיק און פּראַגמאַטיש. צוליב סטראַטעגישע און דעמאָגראַפישע סיבות איז סיריע מער פאַראינטערעסירט אין דעם בעקאַ־טאָל אין לבנון ווי אין דעם גולן. („פאָרעין פּאָליסי“ פרילינג 1982 אויסגאַבע).

די ייִדן־פיינטלעכע היסטעריע, וואָס האָט זיך איצט אַנטפּלעקט איז אַ זייער ערנסטער פּראָבלעם און מח

עפנטלעכט א ביילאַגע געווידמעט פוילן מיט אַן עסיי
פון דעם נאָבעל פרייז דיכטער טשעסלאַוו מילאָש. אין
דער ביילאַגע ווערט דערמאָנט אַן קאָמענטאַרן, אַז נאָך
דער צווייטער וועלט מלחמה האָט פוילן געוווּנען זעקס־
אונדרייסיק טויזנט קוואַדראַט מײַלן פון דײַטשער טע־
ריטאָריע, פון וועלכער ניין מיליאָנען דײַטשן זענען
פאַרטריבן געוואָרן (דיספּלעיסד).

מערב דײַטשלאַנד, צעשמעטערט אין חורבות נאָך
דער מלחמה האָט אויפגענומען די ניין מיליאָן פּליטים,
און די פּליטים פון מזרח־פּרייסן, קעניקסבערג אַן אַ שום
הילף פון דער יו־ען. עס איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין
פּליטים־פּראָבלעם.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה זענען מיליאָנען
טערקן און גריכן פאַרטריבן געוואָרן קעגנזייטיק פון
די דאָזיקע צוויי לענדער. עס האָט זיך נישט אַנטוויקלט
אַ פּליטים־פּראָבלעם ווי אַ מכה אויף דעם קערפּער פון
אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען.

די איינציקע „מיחסים" מ'שטיינסגעזאָגט זענען גע־
וואָרן די פּאַלעסטינער פּליטים (אַ האַלבער מיל־
יאָן). זיי זענען געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע פּליטים (שוין
אַ צווייטער און דריטער דור פּליטים). די אַראַבישע
לענדער האָבן זיי נישט אַבסאָרבירט, אָפּגעזאָגט זיי ביר־
גער רעכט, ציל־באַוווּסט צו שאַפן און אַנטוויקלען אַן
אינטערנאַציאָנאַלע מכה און אַ באַזע פאַר דער פאַרניכ־
טונג פון מדינת ישראל.

קיינער אין די מעדיאַס דערמאָנט נישט, אַז די בע־
דואינער לעגיאָנען פון קעניג כוסיין האָבן אויסגעהרגעט
אַן ערך צען טויזנט פּ.ל.אָ. טעראָריסטן אין דעם
שוואַרצן סעפּטעמבער 1970 און פאַרטריבן די פּ.ל.אָ.
און זייערע אָנהענגער קיין לבנון. די מעדיאַ דערמאָנען
וועגן די שוועריקייטן צו געפינען אַ פּלאַץ פאַר די באַ־
לאַגערטע פּ.ל.אָ. אָבער זיי פאַרשווייגן די סיבות, פאַר־
וואָס קיין שום אַראַביש לאַנד וויל זיי נישט אַריינלאָזן
צו זיך. זיי ווילן נישט מודה זיין, אַז די פּ.ל.אָ. איז אַ
מכה, וואָס איז „גוט" אונטער לבנונס אָרעם...

סאַדאַם כוסיין פון איראַק באַרימט זיך מיט צענ־
דליקער טויזנטער טויטע (איראַקישע) קערפּערס אויף די
שלאַכטפעלדער ביי באַסראַ. ער באַווייזט זיך מיט די טוי־
טע קערפּערס פאַר די מערב קאָרעספּאָנדענטן. די מעדיאַ
שטעמפּלען נישט דעם שוידערלעכן באַרבאַריזם פון באַ־
רימען זיך מיט איבערגעלאָזענע טויטע קערפּערס אויף
די פעלדער. זיי באַטאָנען בלויז אַז סאַדאַם כוסיין איז
מגזם. נישט איינאונצוואַנציק טויזנט טויטע קוים אַ צוויי־
דריי טויזנט...

ווער האָט בכלל געהערט, אַז סאַדאַם כוסיין האָט
פאַרטריבן 120.000 אַראַבער פון דער שיא סעקטע,
איראַקישע בירגער. נייע 120.000 פּליטים?

ווער האָט געהערט, אַז די עטיאָפּישע משרתים פון
מאָסקווע האָבן געשאַפן אַ פּליטים פּראָבלעם פון הונ־
דערטער טויזנטער (מאַהאַמעדאַנער) אין די מדבריות פון
סאָמאַליע?

ווער געדענקט אַז אין די געצעלטן אויף די באַ־
שנייטע בערג אין פּאַקיסטאַן לעבן קנאַפּע דריי מיליאָן
אַפּגאַנער פּליטים?!...

נאָר דער ישראל — פּ.ל.אָ. קאָנפליקט אינטערעסירט
די מעדיאַ. אין דער יידן־פיינטלעכער היסטעריע גייען
אין שפּאַן האַנט אין האַנט די רעכטע רעאַקציאָנערן,
די פּאַטעל־ליבעראַלע, די סאַלאָן־סאָציאַליסטן און די
קאָמוניסטישע יוניאַנס.

ווען מיר באַטראַכטן די זייטיקע אויסווירקונגען פון
דער לבנון אַקציע, די יידן־פיינטלעכע היסטעריע, וואָס
איז עלול צו פאַרדאַרבן די באַציאונגען צווישן יידן און
נישט־יידן אין דער גאַנצער וועלט, טאָרן מיר נישט
פאַרשווייגן די יידישע מעדיאַ, די ישראלדיקע, ווי אויך
געוויסע יידישע צייטשריפטן אין די תפוצות.

אַ געוויסער טייל פון דער ישראל פּרעסע האָט ממש
צוגעשטעלט „מאַטעריאַלן" פאַר די יידן־פיינטלעכע
וועלט־מעדיאַ און אַזוי אַרום געכשרט זייער גיפטיקע
העצע. דעם ערשטן (נישט דווקא בכבודיקן) פּלאַץ האָט
זיך פאַרזיכערט די „דזשערוזאַלעם פּאָסט". אַ פּאַלעסטי־
נער קריסט, אַ גלח, האָט אויפן איי.בי.סי. ראַדיאָ שטאַרק
געלויבט די פרעסע פרייהייט אין ישראל און די „דזשע־
רוסאַלעם פּאָסט", וואָס קאָן זיך אַזוי קריטיש צו די
רעגירונג ־ אַקציעס בשעת אַ מלחמה"... (3.8.82) למען
האמת דאַרף מען צוגעבן אַז די „דזשערוזאַלעם פּאָסט"
האָט זיך לעצטנס באַרואיקט.

וואָס שייך דער ישראל טעלעוויזיע איז גענוג צו
פאַרצייכענען, אַז אַ גרופּע פון 40 ישראלדיקע פּראָ־
פעסאָרן און הויך־ראַנגיקע רעזערוו־אָפיצירן האָבן
פּראָטעסטירט פאַר דעם „טעלעוויזיע הויז" בכדי „צו
צעשטערן דעם מיטאָס, אַז די ישראלדיקע אינטעלעקט־
טואַלן זענען קעגן דער רעגירונגס־אַקציע. זיי האָבן גע־
פאָדערט אַז „די טעלעוויזיע רעפּאָרטערן זאָלן אַ סוף
מאַכן צו דער שמיר ־ קאַמפּאַניע, וואָס באַשמוצט דאָס
פּנים פון ישראל אין דער וועלט"...

פונעם לאָקאַלן מאַרק דאַרף מען פאַרנאָטירן די
צייטשריפט „פּאַטה טו פּיעס" אַרויסגעגעבן פון נאָר־
מאַן ראַטהפילד, די „שלום עכשיו" באַוועגונג אין
אויסטראַליע. די דאָזיקע „ציוניסטישע" צייטשריפט
ווערט פאַרשפּרייט מערסטנס צווישן פּאַרלאַמענטאַריער,
אינטעלעקטואַלן און רעדאַקטאָרן. די שפּאַלטן — ווערן
אויסגעפילט מיט „מאַטעריאַלן" פון „ניו אוטלוק" — אַ
מפ"ם אויסגאַבע אין ישראל אין דער ענגלישער שפּראַך,
אויף דער ערשטער זייט פון דער יולי אויסגאַבע ווערן
איבערגעחזרט אַלע שקרים און גוזמאות וועגן די קרבנות
און ליידן פון די אומשולדיקע פּאַלעסטינער. דער מחבר
פון דעם אַרטיקל (איבערגעדרוקט פון „ניו־אוטלוק") פאַר־
זיכערט דער וועלט אַז „די ישראלים וויסן, אַז די פּ.ל.אָ.
איז נישט „אַ באַנדע פון טעראָריסטן" נאָר אַ נאַציאָנאַלע
באַוועגונג און די צעשטערונג פון דער דאָזיקער באַ־
וועגונג מיינט די צעשטערונג פון אַ גאַנצער געזעל־
שאַפט"... די אַראַבישע עלעמענטן, וואָס זענען גרייט

זיי האָבן זיך פּאַרפּעסטיקט, פּונקט ווי די פּאַלעסטינער אין לבנון, אין מיטן פון דער ציווילער באַפעלקערונג אַסאַדס לעגיאָנען האָבן חרוב געמאַכט די שטאָט. אַ מינימום פון 20 טויזנט ציווילע באַפעלקערונג, אַלע אַראַבער זענען געהרגעט געוואָרן"... „ווו זענען געווען די קאָמענטאַטאָרן?" ווו איז געווען דער הימל געשריי?! אַ האָן האָט נישט געקרייט.

קיינער האָט נישט פאַרגליכן אַסאַדן צו היטלערן. דאָ מאַכט קאָנאָר אָ'בראַיען אַן איראָנישע באַמערקונג: „אַזאַ פאַרגלייך וואָלט נישט געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק, זיך לוסטיק צו מאַכן. דער געשמאַקער מויל-זאַפּטיקער פּאַראַדאָקס וואָלט געפעלט"...

די ציטירטע אויסדריקן אין „גאַרדיען" דעקן אויף די שליסל-טעמאַטיק פון קלאַסישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט דורך דער קריסטלעכער תקופה. „די יידן ווערן אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן זייער קאָלעקטיווער שולד און ווערן געוואָרנט מיט מעגלעכע קאָנסעקווענצן".

די אויסטראַלישע עלעקטראָנישע און פרעסע מעדיאַ גייען אין שפּאַן מיט דער מערב מעדיאַ אין דעם יידן-פיינטלעכן „אַוואַלאַנטש".

די יידנפיינטלעכע שטעלונג פון „איידזש" איז נישט קיין נייעס. דאָס איז דאָך די ערסטע צייטונג, וואָס האָט צעפלאַקערט אויף אירע שפּאַלטן אַ דיסקוסיע וועגן דער פראַגע צי איז די שואה, דער אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום נישט מער, ווי אַ שווינדל וואָס יידן האָבן אויסגעטראַכט בכדי אויסצונאַרן ביי דער וועלט די יידישע מדינה.

אָבער לאָמיר נעמען די ערנסטע טאָגצייטונג „דהי אויסטראַליען" (פון דער מאַרדאָך גרופּע) דער „באַלאַנסירונגס-אַקט" פון דער דאָזיקער צייטונג זעט אויס אַזוי: איר הויפּט קאָרעספּאָנדענט בראַיען דאַסוועל שטעלט צו באַריכטן, וואָס זענען באַלאַנסירט. פון דער צווייטער זייט נעמט דעם „אויסטראַליען" פון 29-טן יולי, באַריכטן וועגן דעם ישראל-פּ.ל.אָ. קאָנפליקט דערשיינען אויף די שפּאַלטן פון פיר זייטן. די ערשטע זייט: קידוש לבנה אותיות „אַן איבערפאַל פון ישראלדיקע עראָפּלאַנען הרגט הונדערטער אין ביירוט" „הונדערטער באַגראָבן אין די חורבות". אויף דער זייט 9 אַ לענגערער אַרטיקל אונטערן קעפּל „פּאַלעסטיינס מענטשלעכער שטראָם פון אומגליק". דער מחבר ציטירט גבית עדות פונעם מאַרק אין חברון: „איר מיינט אַז זיי הרגענען טעראָריסטן? זיי הרגנען קינדער, ווי דאָס קליינע קינד" „זיין פינגער וויזט אויף אַ קליין יינגעלע, וואָס דערגרייכט קוים דעם שנאַל פון זיין הויזן-פּאַס". דאָס איז די שואה פון דעם פּאַלעסטינער פאָלק"... דער מחבר פון דעם אַרטיקל שרייבט: „אַ קינד וואַרפט אַ שטיין, קומט דאָס מיליטער און שליסט אַ שולע, פאַראָרדנט אַן אויסנאַם צושטאַנד, וואָס פאַרשפּאַרט די איינוווינער אין זייערע היימען און עקספּלאָדירט אַ פּאָר הייזער מיט אויפריס-שטאָף. דער אויסנאַם צושטאַנד וואָס דויערט 23 שעה אַ טאָג אין לויף פון צאָלרייכע וואָכן איז לאַנג גענוג צו פאַרניכטן דעם שניט פון תבואה און פאַרוויסטן די פּלאַנצן פון סעזאָן"... „צוויי יינגלעך זענען געווען אין אַ דעמאָנסטראַציע. זיי האָבן יאָ געוואָרפן אַ שטיין אָדער נישט. איז דאָס בכלל וויכטיק? די שטראָף איז אַ טויט שטראָף. די זעלנער האָבן געשאָסן און די צוויי יינגלעך זענען דערהרגעט געוואָרן" דער מחבר פון אַרטיקל שרייבט: „דאָס אַלץ איז נישט שטרייטבאַר (בלי ספק)"... אויף דער זייט 11 אַן אַרטיקל וואָס באַשרייבט די עוואָלוציע פון דער פּ.ל.אָ. פון אַ טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע ביז צו אַ רעספּעקטפולע פּאָליטישע באַוועגונג מיט דיפּלאָמאַטישן אָדער קוואַסי-דיפּלאָמאַטישן סטאַטוס אין מער ווי 70 מדינות. דער מחבר באַטאָנט אַז „עס ווערט היינט אָנגענומען, אַז די פאַרברעכנס פון די פּ.ל.אָ. זענען געווען נויטווענדיק, כדי צו דעראָבערן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט. דער ערנווירדיקער עסטרייכישער קאַנצלער דאָקטאָר ברונאָ קרייסקי. אַ ייד, האָט זיך באַמיט ווי אַמבעסטן צו עפענען די טיר פון אייראָפּע פאַר דער פּ.ל.אָ." אויף דער זייט 8 — אַ לאַנגער באַריכט פון „אַזשאַנס פראַנס פרעס" וועגן די היימלאָזע פּאַלעסטינער, וואָס זענען ווידער געוואָרן היימלאָז".

דער נישט-יידישער לייענער, נאָכן איינזאַפּן דעם אַנטי-ישראלדיקן גיפט אויף די 4 זייטן פון דעם „אויסטראַליען" דאַרף זיין אַ צדיק גמור, בכדי נישט צו ווערן אַ ידן-פיינט. און דער „אויסטראַליען" איז דער שפּיגל פון דער „באַלאַנסירטער" מערבדיקער וועלט פרעסע.

ממילא דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן, אַז ווען איינער מאַכט אַ פאַרגלייך מיט לידיצע, קומט אַ צווייטער און מאַכט אַ פאַרגלייך מיט גערניקאַ (די גרויזאַמע שפּאַניש-פאַשיסטישע שחיטה) און דער פראַנצויזישער פּרעזידענט פראַנסואַ מיטעראַן לאָזט זיך פּראָוואָצירן פון אַ פּאַלעסטינער זשורנאַליסטן צו פאַרגלייכן די צה"ל אַקציעס מיט אָראַדער (אַ שוידערלעכע ס. ס. שחיטה אין אַ פראַנצויזיש שטעטל).

און אַזוי זעצט זיך איין אין די מוחות —און הערצער פון די נישט-יידן דער יידנפיינטלעכער סם „אַז מעגלעך — היטלער איז געווען גערעכט"...

אינטערעסאַנט איז, אַז די מעדיאַ אין דער גאַנצער וועלט שטעלן זיך נישט אָפּ אויף אַ ווײַלע אַ טראַכט צו טאָן, פאַרוואָס זענען די פּאַלעסטינער, די איינציקע אין דער וועלט, וואָס זענען נאָך אַלץ פּליטים נאָך 35 יאָר?! בלויז פאַר די טויזנטער, טויזנטער מיליאָנען דאָלער, וואָס די יו-ען האָט אויסגעגעבן פאַר די דאָזיקע פּליטים, וואָלט דאָך אַ יעדער פּליט באַדאַרפן זיין אַ גוט און רייך איינגעאָרדנטער בירגער אין די אַראַבישע לענדער.

די מעדיאַ ווילן נישט דערמאָנען, אַז ישראל האָט אַבסאָרבירט און איינגעאָרדנט אַ מיליאָן יידישע פּליטים פון אַראַבישע לענדער.

אין אַפּריל 1982 האָט דער וועלט פאַרשפּרייטער מאַגאַזין „נעשיאָנאַל דזשעאָגראַפיק" (וואַשינגטאָן) פאַר־

ד״ר מ. פערשטענדיק

# די זייטיקע אויסווירקונגען פון דער לבנון־מלחמה

דאָס וועלט־יידנטום און ישראל געפינען זיך אונטער דעם דרוק פון א געוואַלדיקער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. די מלחמה אין לבנון האָט נישט גורם געווען די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. די שלום הגליל־אַקציע האָט נאָר אַנטפּלעקט דעם פּרצוף פון די אַנטיסעמיטן, וואָס באַהערשן די מעדיאַ — אַראָפּגעוואָרפן דעם שלייער „אַנטי־ציוניזם״ צו פאַרדעקן דעם אָפענעם, גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „דהי אָבסערוועד״ (ערנסטע זונטיק־צייטונג אין לאָנדאָן) קאָנאָר קרוז אָ׳־בראַיען האָט דערפונדן אַ נײַ וואָרט: „אַנטי־דזשואיזם״. פּרעציז און טרעפלעך.

דער רעדאַקטאָר פון „אָבסערווער״ באַשולדיקט די מעדיאַ אין אַ ציל באַוווסטע אַנטי־דזשואיסט אָפּענסיווע.

אַ פּאָר ביישפּילן צו אילוסטרירן דעם נײַעם אַנטי־דזשואיזם.

דער „גאַרדיען״ (ערנסטע טאָגצייטונג אין ענגלאַנד) דרוקט אַ וואָרנונג: „אויב די אידייען פון אַיאַטאָלאַ בעגין וועלן קאָנטינואירן די דעטערמינאַציע פון ישראלס פּאָליטיק און אַקציעס וועט קומען דער טאָג, ווען אַ שטייגנדע צאָל נישט־יידן אין אייראָפּע און אַמעריקע וועלן זאָגן, אַז מעגלעך, היטלער איז געווען גערעכט״...

אַ קאָנסערוואַטיווער מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט פאַרגלייכט פּרעמיער מיניסטער מ. בעגין מיט היטלערן.

אין דער צייטשריפט „ספּעקטעיטאָר״ אַנטוויקלט אַ רעספּעקטירטער זשורנאַליסט — ניקאָלאַס פאָן האָפמאַן — אַן אַנאַלאָגיע מיט לידיצע (די ס.ס. שחיטה פון דער גאַנצער ציווילער באַפעלקערונג אין אַ טשעכיש שטעטל). ער שרייבט: „... די ישראל רעגירונג האָט פאַרוואַנדלט דעם מגן דוד אין אַ סוואַסטיקע״...

און ווידער דער „גאַרדיען״: „אַ יעדער ייד מוז אַקצעפּטירן אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטונג פאַר דעם „דזשענאָסייד״ פון פאַלעסטינער פאָלק״...

דער רעדאַקטאָר פון „אָבסערוועד״ חוזקט אויס די אידייע פון כלומרשטן רחמנות אויף די ליידן פון די אַראַבער. ער דערמאָנט די שחיטה אין א סירישער שטאָט האַמאַ: „אַסאַד האָט געהאַט באַוואָפנטע שונאים אין האַמאַ. דאָס זענען נישט געווען שונאים פון סיריע אָלס אַ זעלכע. זיי זענען געווען סיריער. אָבער שונאים פון אַסאַדס רעזשים. סוני־מאַהאָמעדאַנער, וואָס ווילן נישט זײַן באַהערשט פון אַסאַדס מינדערהייט אַלאַווי סעקטע,

טריפּאָלי, 5 טויזנט, אַחוץ די רעגולערע פּ.ל.אָ. באַטאַליאָנען אין דער לבנון־אַרמיי.

אָט די פּשוטע מאַטעמאַטיק באַווייזט, אַז ישראל האָט זיך אַנגעטראָפן אויף א גוט־באַוואָפנטער אַרמיי פון קנאַפּע 30 טויזנט זעלנער, געשולטע נישט אין אָפענעם קאַמף, ווי געוויינלעך מיליטער — נאָר אין הויז קאַמפן. אין באַפעלקערטע, שטאָטישע ראַיאָנען.

אין זייערע צער־בלי־חיים שילדערונגען „פאַרגעסן״ די זשורנאַליסטן און קאָמענטאַטאָרן פרעגן (און ענטפערן) אויף דער סאַמע איינפאַכסטער פראַגע:

ווער האָט באַוואָפנט און אויסגעהאַלטן דער אַרמיי? צוליב וואָס, און אין וועמענס אינטערעס? איז דאָך דער אָפיציעלער סטאַטוס פון די פּאַלעסטינער אין לבנון — דער פּליטים־סטאַטוס, און די ווערן אויסגעהאַלטן דורך דער יו־ען, ווי פּליטים אומעטום.

אין די באַשולדיקונגען קעגן ישראל מאַכט זיך די וועלט־פּרעסע „פאַרגעסן״, אַז זינט 1975־76 האָט די פּ.ל.אָ. פּאַקטיש אָקופּירט לבנון, אַז דער אַריינמאַרש פון די 30 טויזנט סירישע זעלנער איז לכתחילה געווען צו פאַרהיטן די לבנעזער פון דער טאָטאַלער פאַרניכטונג אויף וועלכער די פּ.ל.אָ. האָט זיך פאַרמאַסטן.

מען וואָלט נאָך אויך געדאַרפט (און געקאָנט) מאַכן אַ באַמערקונג פון אַ נישט־מיליטערמאַן, אַז: די ישראל־אַרמיי האָט געלערנט פון די אַמעריקאַנער מפּלות אין קאָרעאַ און אין וויעטנאַם, וואָס זענען געווען דער רעזולטאַט פון פירן אַ קאַמף פאַר איינשטעלן א בופער־זאָנע.

ס׳וועט קלינגען זייער באַנאַל, ווען מירן מאַכן אַ פעסטשטעלונג, אַז: עס זענען נישטאָ קיין הומאַניטאַרע מלחמות. אין דעם גאַנצן אויסגעשריי קעגן ישראלס אַקציע אין מערב־ביירות — אין נאָמען פון הומאַניטאַריזם — איז גאָר פאַרדעכטיקט דאָס פעלן פון א רוף צו דער פּ.ל.אָ., זי זאָל פאַרלאָזן מערב־ביירות (אַ שטאָט־טייל וואָס זי אַליין האָט אָקופּירט) און דאָס וואָלט במילא אויסגעמיטן אומנייטיקע צעשטערונג און קרבנות.

פון דער געשיכטע ווייסן מיר, אַז אַפילו וועלט־מלחמות האָבן נישט געלייזט די גרונד־פּראָבלעמען, צוליב וועלכע זיי זענען אויסגעבראָכן. זיי האָבן בלויז די פּראָבלעמען פאַרביטן מיט אַנדערע — פּונקט אַזוינע שאַרפע און דראָענדיקע.

מיט באַדויערן דאַרף מען פון דעם אַלעם אַרויסציען די מסקנא, אַז די (איינגערעדטע) ציוויליזירטע און טעכניש אַנטוויקלטע וועלט האָט נאָך דערוויל נישט דערפונען דעם מעכאַניזם, וואָס קאָן לייזן צווישן פעלקישע אָדער צווישן מלוכהשע ווידעראַנאַנדן. לייזן זיי אויף אַ גערעכטן אופן, אַנשטאָט עס איבערצולאָזן צו די פעלקער גופא, ביי וועלכע גערעכטיקייט האָט א סך אויסטײַטשונגען.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

"KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia. אַדרעס פון רעדאַקציע:

אויגוסט־סעפטעמבער 1982 נומער 4 (33) מעלבורן־אויסטראַליע


# קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט

די לעצטע (?) מלחמה אין לבנון האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געיורן אין די טיפענישן פון דער פּאָליטישער וועלט.

איין פּראָבלעם, וואָס רירט אָן דירעקט אונדז — יידן אין די תפוצות, איז נישט אויפגעקומען מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, נאָר איז אַ דערשיינונג וואָס באַגלייט אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, ווי אַ פּאַלק. דאָס איז — די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

כאָטש די ציוויליזירטע וועלט האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעטרייסלט פון דעם שענדלעכן דאָקומענט, וואָס הייסט „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון", האָט זיך דאָך עפּעס פון דער פעלשונג דורכפילטרירט אין דעם באַוווסטזיין אַפילו פון די וועלכע זענען פריינדלעך איינגעשטעלט לגבי יידן און מדינת ישראל, אַז ערגעץ ווו עקזיסטירט אַ געהיימע פאַרבינדונג צווישן די יידן אין דער וועלט.

דאָס דאָזיקע געפיל האָט אונדז באַהערשט, ווען מיר האָבן געהערט דעם רוף פון אויסטראַלישן פּרעמיער מר. פרייזער צו די פירער פון יידישן ישוב אין אויס־טראַליע, זיי זאָלן אויסנוצן זייער איינפלוס און באַווירקן מדינת ישראל, זי זאָל אויפהערן די צעשטערונג פון מערב־ביירוט.

מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט, אַז דער פּרע־מיער זאָל זיך ווענדן צו די אירלענדער למשל — זיי זאָלן באַווירקן זייערע לאַנדסלייט אין אירלאַנד אָפּ־צושטעלן די בלוטיקע, זינלאָזע אַטענטאַטן...

דער געשפּענס פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט האָט זיך דערוויל טראַגיש אויסגעווירקט אין די לענדער פון אייראָפּעס קלאַסישן אַנטיסעמיטיזם, ווי עסטרייך, דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

מיר זענען איבערצייגט, אַז אויב נישט לבנון, וואָלטן די אַנטיסעמיטישע באַנדעס אין די דאָזיקע לענדער סיי ווי געפונען אַנדערע תרוצים פאַר זייערע רציחות, פּשוט דערפאַר, ווייל אין די דערמאָנטע לענדער איז דאָ אַ גינסטיקע אַטמאָספער פאַר אַנטיסעמיטיזם; אַז די דאָ־זיקע אַטמאָספער האָבן געשאַפן די מלוכה־פירער דורך זייער אַנערקענונג פון דער פּ.ל.אָ., און דורך זייער מילדער באַציאונג צו דער טעראָריסטישער טעטיקייט פון די פאַרשידענע גרופּן, הגם די טעטיקייט איז אומגעזעצ־לעך.

די לעצטע דערקלערונג פון הויפּט־אָנפירער פון אינ־טערנאַציאָנאַלן טעראָר־קאַרלאָס, אַז פראַנקרייך האָט גע־בראָכן דעם געהיימען אָפּמאַך וועלכער עקזיסטירט שוין צען יאָר מיט די טעראָריסטן, וואַרפט אַ גענוגנדיק ליכט אויף די געזעץ געבער און די אָרגאַנען וועלכע דאַרפן די געזעצן אָפּהיטן.

דאָס צווייטע פּראָבלעם איז: די ראָל פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין דעם מיטל־מזרחדיקן קאָנפליקט. עס האָבן איבעראַשט די לעבלעכע רעזאָלוציעס. עס האָט געפעלט דער דרוק מצד די סאָוויעטן, ווי ער איז געווען אין די פריערדיקע מלחמות, ווען עגיפּטן האָט זיך גע־פילט באַדראָט.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אָנגעצייכנט איר ראָל אין מיטעלן מזרח אַ סך פריער, איידער די אַמעריקאַנער האָבן אָנגענומען זייערע רע־זאָלוציעס וועגן דער זיכערקייט פון די נאַפט טראַנס־פּאָרטן דורכן פּערסישן גאָלף.

די סאָוויעטן האָבן, אונטערן מאַנטל פון דער פּ.ל.אָ. צוגעגרייט מאָדערנע מיליטערישע אויסשטאַטונג פאַר הונדערט טויזנט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן צו יעדער צייט געקאָנט — ווידער אַדאַנק דער פּ.ל.אָ. — באַנוצן לבנון ווי אַ מיליטערישע באַזע פאַר אירע אָפּעראַציעס אין מיטעלן מזרח. זי האָט אָבער געפילט, אַז צו שיקן מיליטער, איז די צייט נאָך נישט רייף.

אַ ווייטערדיק פּראָבלעם, וואָס איז געקומען צו דער אויבערפלאַך, איז די פּ.ל.אָ. גופא:

דאָס איז שוין נישט די אַמאָליקע אַל־פאַטאַ, אַ קליי־נע טעראָריסטן באַנדע, איינגעשטעלט אויף ספּעקטאַקו־לאַרע איבערפאַלן אויף ישראלדיקע ישובים אָדער אירע פאַרשטייער אין אייראָפּע. פון די ציפערן וועלכע טויכן אויף דאָ און דאָרט אין דער וועלט־פּרעסע, איז צו זען, אַז: אין ישראלס געפאַנגענשאַפט געפינען זיך זעקס טויזנט מאַן; אין ביירוט — זעקס טויזנט (הגם מען רעכנט, אַז עוואַקואירן וועלן זיך 9 טויזנט מאַן) אין בעקאַ־טאַל געפינען זיך 8 טויזנט מאַן; אין דער שטאָט

## "JEWISH WELFARE"

***Do not leave it to others. Contribute yourself.***

**JEWISH WELFARE WORK MUST CONTINUE**

**WELFARE APPEAL 1982**

**Australian Jewish Welfare and Relief Society**

**466 Punt Road, South Yarra 3141. Phone 26 3727**



*With Compliments from*

# DEL MONTI SUITS

***Makers of Fine Quality Men's Suits***

**Head Office: 154 HIGH STREET, PRESTON 3072.**
**TELEPHONE 44 0567**

DEL MONTI SUITS
200 Whitehorse Road
Blackburn

DEL MONTI SUITS
1297 Nepean Highway
Cheltenham

DEL MONTI SUITS
8 Macrae Street
Dandenong

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער



## אינהאלט:

מ. א. — קאַלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט . . . . . . . 1
דר. מ. פערשטענדיק — די זייטיקע אויסווירקונג פון דער לבנון מלחמה . . . 2
ב. ווינער — 30 יאָר שפּעטער . . . . . . . . . . . . 6
אַ. ציקערט — חיים גראַדע נ"ע . . . . . . . . . . . 9
מ. אייזענכוד — דער אינטעלעקטועלער עסייאיסט — יהודה קערש . . 11
י. מ. לעווין — צום וואָגלער (פּאָעמע) . . . . . . . . . 13
סטעפאַ ראַבינאָוויטש — קומט. און זינגט מיט אונדז . . . . . . . . 14
שלום ג. — וואַגנעריאַדע . . . . . . . . . . . 15
ג. וואַסערמאַרקאַץ — לזכרון מיין לערער — אברהם גאָלאָמב . . . . . . 16
מגר. בּרציון פעלדשוה — היטלער פאַרסמט זיך אין זיין בונקער . . . . . . 18
הערשל באַכראַך — קלוג לאחר המעשה (פּאָלעמיק) . . . . . . . 21
מעם — דעריאָגן און איבעריאָגן... . . . . . . . . . 22

פּרייז פון נומער $1.50

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 4 (33) אויגוסט־סעפּטעמבער 1982